STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03928

FAR UNDZER SHUL

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

13/3181 (ס)

פאַר אונדזער שול

אײנמאָליקע אויסגאַבע פון צענטראַלן
בילדונגס-קאָמיטעט (צ.ב.ק.) אין ווילנע.

רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי.

צענטראַלע יידישע ביבליאָטעק
און פרעסע ארכיוו

ווילנע — 1933

די פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס פון די אַנשטאַלטן, וואָס קומען אַרײַן
אין דעם זאַמלבוך, זײַנען געמאַכט געוואָרן דורך די חברים:
מ. ליטוואַק, ע. גערשאַטער און בתיה פּופּקאָ.

פּאָטאָמאָנטאַזש פון דער הילע — בן-ציון מכתם
לויט די פּאָטאָס פון מ. ליטוואַק.

PRINTED IN POLAND

„FAR UNDZER SZUŁ"
Wydanie Żyd. Centr. Komitetu
Oświaty w Wilnie
Redaktor SZ· BASTOMSKI.
זעצערײַ „טאָמאָר", שאָפּען-גאַס 1—30, ווילנע.
Składano czcionkami zecerni "TOMOR", Wilno.
Odbito w drukarni D. KREJNESA, Wilno.

מטראַלע יידישע ביבליאָטעק
און פרעסע אַרכיוו

וולאַדימיר מעדעם און שלום אַש וועגן דער נײַער יידישער ווילנע.

...אויב איר האָט ספקות וועגן די יידישע קולטור־מעגלעכקייטן, וועגן דעם קיום פון דער יידישער שול, וועגן דער פעיִקייט פונם הײַנטיקן דור מיט אייגענע כוחות, אָן דער הילף פון דער מלוכה, צו שאַפן עפּעס גרויסעס, עפּעס שיינעס, עפּעס היסטאָריש־באַדײַטנדיקעס אויף דעם דאָזיקן געביט, — פאָרט קיין ווילנע.

פאָרט אַהין, עפנט די אויגן, זאַפּט אין זיך אַרײַן די אײַנדרוקן, און איר וועט קומען צוריק אַן אויפגעפרישטער, אַ באַנײַטער, אַ געזונטער. אויב איר זײַט אַ סקעפּטיקער וועט אײַך ווילנע מאַכן פאַר אַ גלויביקן. אונדזער אַלטע ווילנע — ירושלים דליטא.

וולאַדימיר מעדעם

...אין הײַנטיקן טאָג פאַרנעמט ווילנע דעם אויבנאָן אין דער נײַער אויפבויונגס־אַרבעט פון יידישן פאָלק.

ווילנע איז דער צענטער פון יידישן וואָרט. דאָ ווערט געבאָרן די מאָדערנע יידישע פאָלקסשול, וווּ דאָס יידישע קינד באַקומט אַ געזונטע מענטשלעכע דערציִונג אין יידישן וואָרט.

ווילנע איז געוואָרן דער יידישיסטישער ירושלים. ווילנע שאַפט דאָס יידישע וואָרט. ווילנע קעמפט פאַר דער נײַער יידישער שול מיט דעם אינערלעכן און אויסערלעכן פײַנט. מער ווי יעדע שטאָט אין דער גאַנצער וועלט האָט ווילנע אַ נעץ פון יידישע שולן, וווּ כמעט אַלע קינדער פון דער שטאָטישער אָרעמער יידישער באַפעלקערונג ווערן אַרונטערגענומען אונטער די שיצנדיקע פליגלען פון יידישן וואָרט און יידישן גײַסט. אַ נײַער דור יידן ווערט ערצויגן אין די שולן, גאַנצע יידן און גאַנצע מענטשן, מוטיקע, קעמפנדיקע, ווירדיקע מענטשן.

שלום אַש

רעאַל-גימנאַזיע, ווילנע, 1933



ד״ר צ. שאַבאַד

ד״ר צ. שאַבאַד

די יידישע שול אין געפאַר!

דעם יידישן שולוועזן אין ווילנע און ווילנער געגנט, דעם שיין פון אונדזער היינטוועלטיקער קולטור, דראָט די געפאַר אונטערצוגיין! און ניט צוליב דעם, וואָס די קינדער ווילן זיך ניט לערנען, ניט צוליב דעם, וואָס די עלטערן ווילן ניט שיקן זייערע קינדער אין די יידישע שולן; אויך ניט צוליב דעם, וואָס די שולן אונדזערע זיינען ניט גענוג פּאָפּולער. — ניין!

די יידישע שולן האָבן פאַר די צוועלף יאָר פון זייער עקסיסטענץ געלאָזן טיפע וואָרצלען אין דער באַפעלקערונג פון אונדזער געגנט. זיי זיינען מיט איינגעבאַקן אין האַרצן ביי די ברייטע מאַסן. די צאָל קינדער, וואָס באַזוכן אונדזערע שולן, ווערט וואָס פון יאָר אַלץ גרעסער. ניט קוקנדיק אויף דעם שווערן עקאָנאָמישן קריזיס, ניט קוקנדיק אויף דער שרעקלעכער פאַראָרעמונג און אַרבעטסלאָזיקייט, מאַכט יעדער טאַטע-מאַמע די גרעסטע אָנשטרענגונג אויף אַריינצוטראָגן די פאָר גילדן שכר-לימוד, כדי זייער קינד זאָל

באַקומען זיין אויסבילדונג אין א יידי־שער סביבה, אין א יידישער שול, מיט יידישער לימוד־שפּראַך. די אָרעמע עלטערן — דער באַלמעלאָכע, דער אַרבעטער, דער קליינהענדלער, דער לופטמענטש, דער אָנגעשטעלטער, דער דעמאָקראַטישער אינטעליגענט — אַלע מאַכן די דאָזיקע אָנשטרענגונג.

די יידישע עלטערן ווילן, אַז זייערע קינדער, אריינגייענדיק אין לעבן, זאָלן ניט ווערן אָפּגעריסן פון זייער פאָלק, פון זיין קולטור און שפּראַך.

פאַרוואָס דען אַלזאָ דראָט דער יידישער שול אַזאַ געפאַר?

פשוט דערפאַר, ווייל די יידישע שולן זיינען א שטיפקינד ביי דער פּוילישער רעגירונג. קיין שום שטיצע גיט זיי די רעגירונג ניט. בעת אַלע מלוכהשע שולן ווערן איינגאַנצן אויסגעהאַלטן אויפן חשבון פון דער מלוכה, ווערן אונדזערע שולן גערעכנט פאַר „פּריוואַטע", און די רעגירונג גיט אויף זיי קיין איין גראַשן ניט. די קליינע שטיצע, וואָס מיר באַקומען פון מאַגיסטראַט, וועלכע איז אגב היינטיקס יאָר שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן, איז באַשטימט בלויז פאַר די לאָקאַלן פון די שולן. די גאַנצע לאַסט אויף צו צאָלן די לערער פאַלט אויף דער יידישער באַפעלקערונג. די באַפעלקערונג אָבער, צוזאַמען מיט די עלטערן, וואָס זייערע קינדער לערנען זיך אין די שולן, זיינען איצט אַזוי פאַראָרעמט, אַז זיי זיינען בשום אופן ניט אימשטאַנד די דאָזיקע שולן אויסצוהאַלטן.

אַזוי אַרום, ניט קוקנדיק אויף די גרעסטע אָנשטרענגונגען, וואָס מיר מאַכן, מוז דער גאַנצער שיינער בנין, וואָס רופט זיך „יידישע שול" און וואָס איז דער פונדאַמענט פון דער יידישער קולטור, רואינירט ווערן, אויב די הילף וועט ניט קומען פון דרויסן, און טאַקע פון אונדזערע ברידער אין אַמעריקע.

דאָס יידישע שולוועזן בכלל און אין ווילנע בפרט איז ניט נאָר אַן ענין פאַר ווילנע אַליין, נאָר פאַר דעם גאַנצן יידנטום. וועט ניט זיין קיין יידישע שול, וועט ניט זיין קיין יידישע ליטעראַטור, קיין יידישע פרעסע און קיין יידישער טעאַטער, וואָרעם ס'וועט ניט זיין פאַר וועמען צו שרייבן און פאַר וועמען פאַרצושטעלן.

עס ליגט דעריבער א הייליקער חוב אויף יעדן, וועמען עס איז טייער דאָס יידיש וואָרט און דאָס יידיש קינד, קומען צו הילף ווילנע אין דעם שווערן מאָמענט און ראַטעווען די יידישע שול פון אונטערגאַנג.

אויפהאַלטן די יידישע שול אין אונדזער לעבעדיקער פאָלקסשפּראַך — הייסט שאַפן אַ געזונטן יונגן דור, פאַר וועמען די שול איז אַ נאַטירלעכע פאַרזעצונג פונם עלטערן־הויז, אַ רינג, וואָס בינדט צונויף די יוגנט מיט די גרויסע פאָלקס־מאַסן.

שמעון דובנאָוו.

ד״ר ה. קאָוואַרסקי

ד״ר ה. קאָוואַרסקי

דאָס ייִדישע קינד און די ייִדישע שול.

אומעטיק, האָפנונגסלאָז איז דאָס לעבן פון אונדזער ייִדישן קינד אין דער היים. ניטאָ קיין אַרבעט, קיין ברויט, קיין האָלץ. שלעכט און פינצטער איז אין ענגן חדר. און די גאַנצע סביבה אַרום איז אַזאַ פאַרחושכטע, פאַרקלאָגטע.

מע איז אויף אַלץ בייז, און דער כּעס לאָזט מען אויס — צו וועמען? צום קינד.

עס איז שווער דעם קינד. עס ווילט זיך שפּילן, זינגען, לויפן — אַרויסלאָזן ווי־עס־איז די קינדערשע ענערגיע, פאַנטאַזיע.

איז דאָס קינד שולדיק, אַז עס איז אַזוי שלעכט, איז דאָס קינד פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די דערוואַקסענע, וואָס זיי קענען ניט אײַנאָרדנען זייער לעבן?

און אָט געפינט דאָס קינד אַן אָרט, ווו עס קאָן פרייַ אָפּאָטעמען. דאָס איז די ייִדיש־וועלטלעכע שול; דאָרטן איז ליכטיק, וואַרעם. מע איז דאָרטן צוזאַמען מיט חברים און חברטעס, אין דער וואַרעמער סביבה פון לערער און לערערינס, וועלכע זיינען אָפּטמאָל בעסער ווי די טאַטעס און מאַמעס, ווייל פון זיי הערט מען קיין בייזע ווערטער, קיין זידלערייען. מע קריגט דאָרט פרישטיק און מע רעדט וועגן אַזוינע פיינע זאַכן, פון אַנדערע לענדער און פעלקער. מע הייבט אָן צו פאַרשטיין די אַרומיקע וועלט, מע לערנט פאַרשטיין דאָס לעבן, דאָס אייגענע פאָלק, זיין געשיכטע.

מע קריגט דאָרט אין דער שול אַנדערע האָפענונגען.

אין דעם פינצטערן לעבן דרינגט אַריין אַ שטראַל פון אַ בעסערער צוקונפט, בעסערע אויסזיכטן.

ייִנגל-שול „מפיצי-השכלה" אויפן צוזאַמענפלי פון די צ. ב. ק.-שולן אין לעוואָנישאָק 1929

אָן דער שול וואָלט דאָס לעבן פון יידישן קינד געווען אַ גיהנום, אַ לעבן פון מאַטעריעלער, מאָראַלישער און אינ־טעלעקטועלער נויט. די יידישע שול גיט דעם קינד אַ ליכטיקע האָפענונג אויף אַ בעסערן לעבן, בעסערע צו־קונפט.

וואָס וואָלט געווען מיט אונדזערע קינדער, ווען זיי וואָלטן אפילו אָט די האָפענונג פאַרלאָרן?

דאָס טאָרן מיר ניט דערלאָזן. אין געשלאָסענע רייען מוזן מיר אַלע צוזאַ־מען קומען צו הילף אונדזערע אָרעמע קינדער: מיר,—דאָ אין פוילן, און איר— דאָרטן אין אַמעריקע!

ווייל אונדזער צוקונפט איז אייער צוקונפט, דער גורל פון אונדזערע פאָלקס־קינדער איז אויך אייער גורל!

אַלע צו הילף אונדזערע יידישע פאָלקסשולן!

אננע ראזענטאל

די יידיש־וועלטלעכע שול — די שול פון די אַרבעטער־מאַסן.

די יידיש־וועלטלעכע שול איז די שול פון דעם אַרבעטער־קלאַס. זי איז פון אים געבויט געוואָרן, אויף אים שטיצט זי זיך, און די אַרבעטערשאַפט איז די איינציקע קראַפט, וועלכע קען זי איינ־האַלטן און אויסקעמפן איר אָנערקענונג און גלייכבארעכטיקונג.

אַזוי באַהויפּטן די פאָרשטייער פון דער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטער־שאַפט און באַמיען זיך, ווי ווייט ס׳איז נאָר מעגלעך, אַריינטראָגן אין די שולן דעם גייסט און אידעאַלן פון דער מאָ־דערנער אָרבעטער־באַוועגונג.

— דאָס איז אַן אוזורפּאַציע, — זאָגן די קעגנער, — מיט וואָס פאַר רעכט ירייבט איר זיך צו דעם היסטאָרישן

פאַרדינסט פון בויען און שטיצן די שולן? צי דען באַטייליקן זיך ניט די דעמאָקראַטישע שיכטן אין דער שול־באַוועגונג? צי דען שיקן נאָר אַרבעטער זייערע קינדער אין אונדזערע שולן? און אַלע אַרבעטער זיינען דען אָנהענגער פון אונדזערע שולן?

און דאָ קומען ציפערן און פאַקטן: אין די שולן, באַזונדערס אין די ווילנער, געפינט זיך אַזאַ צאָל קינדער פון האַנטווערקער און קליינהענדלער, וועל־כע שטייגט אַריבער פראָצענטועל די צאָל אַרבעטער־קינדער.

אַזוינע טענות קען מען אָפּט הערן פון די שול־טוער פון ניט פראָלעטאַרי־שע שיכטן.

פאַרמעל זיינען זיי אפשר גערעכט.

געוויס זיַינען געווען צווישן די גרינדער און בויער פון די יידיש־וועלטלעכע שולן — באַזונדערס אין ווילנע — אויך טוער פון דער בירגערלעכער אינטעליגענץ און פון דער קליין־בורזשואַזיע. און אויך איצט נעמען זיי אַנטייל אין דער שול־אַרבעט.

און אַ געוויסער טייל פון די תּלמידים פון אונדזערע שולן ווערט רעקרוטירט פון די זעלביקע שיכטן.

אָבער וואָס באַוויַיזט דאָס? און צי שוואַכט דאָס אָפּ דעם פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער פון אונדזער שול־בויונג?

די אַנטוויקלונג פון יידיש אַלס קולטור־שפּראַך איז ענג פאַרבונדן מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דער געדאַנק און פאָדערונג פון אַ שול אין דער מוטער־שפּראַך—יידיש—איז אַנטשטאַנען צוערשט אין די רייען פון דער פּאַרטיי פון יידישן אַרבעטער־קלאַס — פון „בונד". פאַר דעם אַרבעטער איז דאָס געווען ניט קיין טעאָרעטישע פאָדערונג, נאָר אַ לעבנספראַגע, אַ פראַגע פון זיין קולטורעלער און גייַסטיקער צוקונפט. און דאָס בלייַבט נאָך אין דער פולער מאָס ריכטיק ביזן היַינטיקן טאָג. אויך אין אונדזער צייַט איז דער הויפּט־אָפּנעמער און געברויכער פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און טעאַטער—דער יידישער אַרבעטער. און אַז דער איינציקער קאָנסעקווענטער אַנהענגער און קעמפער פאַר וועלטלעכקייַט אויף אַלע געביטן פון לעבן קען זיין נאָר דער באַוווּסטזיניקער אַרבעטער, נייטיקט זיך ניט אין באַוויַיזן. נאָר אַ וועלטלעכע שול אין דער מוטער־שפּראַך קען דערציען דאָס אַרבעטער־קינד פאַר אַ באַוווּסטזיניקן קעמפער פאַר די אידעאַלן פון זיין קלאַס. נאָר אַזאַ שול אַנטשפּרעכט די לעבנס־אינטערעסן פון דער אַרבעטערשאַפט.

פאַרוואָס שיקן ניט אַלע אַרבעטער זייערע קינדער אין אונדזערע שולן? מיט דעם זעלבן גרונט קען מען שטעלן אַן אַנדער פראַגע: פאַרוואָס געפינען זיך ניט אַלע אַרבעטער אין זייערע פּראָפ. קלאַסן־פאַריינען און זייערע פּאָליטישע פּאַרטייען?

ווען מיר וואָלטן שוין געהאַלטן אַזוי וויַיט, אַז אַלע אַרבעטער זאָלן זיַין אַזוי באַוווּסטזיניק ניט נאָר לגבי זייערע פאַריינען און פּאַרטייען, נאָר אפילו שולן, וואָלט די וועלט אויסגעזען אַ ביסל אַנדערש.

אין אונדזערע שולן שיקן אויך האַנטווערקער און קליינהענדלער זייערע קינדער. געוויס. וויַיל די שול איז זיי נאָענט אַלס שול אויף דער מוטער־שפּראַך פון זייערע קינדער און אויך אַדאַנק דעם דערציערישן און פּעדאַגאָגישן ניוואָ פון דער שול.

צו וואָס פאַר אַן אויספיר קומען מיר? די שול, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זי שטיצט זיך ניט נאָר אויף די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, בלייַבט דאָך פּאָטענציאַנעל אַ שול פון יידישן אַרבעטער־קלאַס. דעריבער מוז זי, לויט איר אינהאַלט און גייַסט, זיך צופּאַסן צו די אידעאַלן פון דער קלאַסנבאַוווּסטזיניקער יידישער אַרבעטערשאַפט, וויַיל איר קיום און וויַיטערדיקער גורל איז ענג פאַרבונדן מיטן קאַמף פון דער אַרבעטערשאַפט פאַר איר פּאָליטישער און סאָציאַלער באַפרייַונג.



גימנאַסטישער יום-טוב פון די צ. ב. ק.-שולן צום 10-יאָריקן יובל פון צ. ב. ק.



אַביטוריענטן פון 4-טן אַרויסלאָז פון דער ייִנגל-שול „מפיצי-השכלה“ אויפן פּאַן פון די שטעט,
ווו זיי געפינען זיך איצט.
פאָטאָמאָנטאַזש פון דעם אַביטוריענט פון זעלבן אַרויסלאָז מ. מינקאָוו

ב. מיכאַלעוויטש און א. ליטוואַק וועגן דער יידישער שול.

...מיר מאַכן זיך ניט קיין אילוזיעס. די יידישע אַרבעטערשאַפט אליין, מיט אירע פינאַנציעלע מיטלען, וועט די שול ניט קאָנען אויסהאַלטן, וועט ניט זיין בכוח זי אויסצוהאַלטן. דאָס איז א זאַך און אַ חוב פון דער מלוכה, און דער יידישער אַרבעטער וועט מוזן פיל קעמפן, כדי די מלוכה זאָל דעקן די הוצאות אויך פון דער יידישער שול.

אָבער פאַר דער אָנערקענונג איז פיל לייכטער צו קעמפן פאַר א זאַך, וואָס איז שוין דאָ, וואָס עקסיסטירט אין לעבן, איידער פאַר אַן אַבסטראַקטער אידייע. די נייע שולן מוזן ווערן אויסגעבויט און אונטערגעהאַלטן אין יעדער שטאָט און יעדן שטעטל, און דעמאָלט וועט אונדז דער קאַמף פאַר זייער קיום פיל גרינגער זיין.

ב. מיכאַלעוויטש

...קיינער איז ביי אונדז אַזוי ניט פאַראינטערעסירט אין דער יידיש-וועלט-לעכער שול, ווי דער יידישער אַרבעטער.

ניט האָבן קיין שול אויף דער מוטער-שפראַך, הייסט פאַר יידישע אַרבע-טער אין א גרויסער מאָס — ניט האָבן קיין שול בכלל.

פאַרלירן די מעגלעכקייט צו שאַפן א יידישע קולטור, הייסט פאַר די ברייטע יידישע מאַסן בלייבן גאָר אָן א קולטור, אָרעמער אין לעבן, שוואַכער אין קאַמף. און טאַקע דאָס איז אויסן די נאַציאָנאַליסטישע רעאַקציע מיט אירע פּלענער פון געצוווּנגענער אַסימילאַציע.

א. ליטוואַק

ד"ר. יוסף טשערניכאָוו

אונדזער וויכטיקסטע דערגרייכונג.

מיר זיינען בסדר ניט צופרידן מיט אונדזערע דערגרייכונגען.

ס'איז א גוטער סימן, וועלכער באַווייזט, אז מיר שטעלן צו זיך אליין גרויסע פאָדערונגען, אז מיר גייען צו ווייטערע גרויסע צילן.

ווען אָבער א יידישער אינטעליגענט פון די פריערדיקע דורות, פון די, וואָס האָבן געטרוימט דעם חלום פון אונדזער אויפלעבונג — אָן עדוארד האנס, מאַקס — זער אָדער היינע פון די יידיש־דייטשישע קולטור־פאריינען — וואָלט געקאָנט זען, וואָס מיר האָבן דערגרייכט אויפן געביט פון יידישער קולטור במשך פון די לעצטע 25 יאָר, וואָלטן זיי בשום אופן ניט געקענט באַנעמען אונדזער פעסימיזם.

אין זייערע ווייטסטע טרוימען זיינען זיי געווים ניט דערגאַנגען צו דעם, אז ס'זאָל מעגלעך זיין וועלטלעכע בילדונג אויפן יידישן „זשארגאָן". אז עס זאָלן עקסיסטירן „אפילו גימנאַזיעס" אויף דער דאָזיקער שפּראַך.

און ווען מע קוקט זיך צו, אין וואָס פאַר א שרעקלעך שווערע באַדינגונגען ס'קומט אוים צו בויען די נייע יסודות פון נייעם יידישן לעבן, פון דעם היינטוועלטיקן יידישן לעבנסשטייגער, קען מען ערשט ווי געהעריק אָפּשאַצן דעם דראַנג צו לעבן און פעיקייט צו שאַפן ביי דעם איצטיקן דור פון יידישער דעמאָקראַטיע.

די יידישע שול איז ביז איצט אונדזער וויכטיקסטע דערגרייכונג.

זי וועט לעבן און זיך אַנטוויקלען, דער גאַנצער וועלט פון שונאים אויף צו להכעיס!

אויף וואָס פאַר א שטאַנדפּונקט איר זאָלט ניט שטיין: דעמאָקראַטיע, פּראָגרעס, סאָציאַליזם, קיום האומה, אָדער פּשוטע מענטשלעכקייט — שטיצט לויט אייערע כוחות דעם יידיש־וועלטלעכן שולוועזן.

פּראָפ. ל. הערש (זשענעווו)

ז. רייזען

דער קאַמף פאַר דער יידישער שול איז דער קאַמף פאַר אונדזערע רעכט!

און נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל און דווקא איצט אפשר, ווי נאָך קיינמאָל ניט אַזוי, מוזן מיר זיך אײַנחזרן:

עס קען ניט זײַן קיין יידיש לעבן אָן אַ יידישער שול, עס קען ניט זײַן קיין יידיש שאַפן אָן אַ יידישער שול; עס קען ניט זײַן קיין יידיש זעלבסטבאַוווסטזײַן אָן אַ יידישער שול; און עס קען ניט זײַן קיין יידיש רעכט אָן אַ יידישער שול.

דאָס פאָלק האָט אַמאָל געהאַט זײַן נאַציאָנאַלע שול. דאָס איז געווען דער חדר. און ס'פאַרשטייט זיך, אַז נאָך עד־היום האָט דער חדר, ווי מיר זאָלן זיך צו אים ניט באַציען, אַ סך מער פאָזיטיווע זײַטן ווי די פרעמדע שול.

די פרעמדע שול — דאָס איז קודם־כל ניט קיין דערציִונגס־אַנשטאַלט. זי איז ניט אויסן די אינטערעסן פון דעם קינד, די באַדערפענישן פון זײַן נשמה, איר צוועק איז גאָר אַן אַנדערער, אַ זײַטיקער, אַ קעגנזעצלעכער: ניט אַנטוויקלען די כוחות — די נאַטירלעכע דעם קינדס, נאָר אויסוואָרצלען זיי, כּדי אויף דעם אָרט פון דער אָפּגעטייטער נשמה אַרײַנצוזעצן עפּעס פרעמדס, עפּעס אומנאַטירלעכס, עפּעס זײַטיקס און ניט־אָרגאַניש.

שטעלט אײַך פאָר אַ יידיש קינד אין ווילנע אין אַ פרעמדער שול! אַנשטאָט דער יידישער מעשהלע, דעם יידישן ליד, דעם יידישן שפּיל אַרײַנצופירן אים ביסלעכווײַז אין דער וועלט פון תורה און חכמה, — עפּעס ווילד־פרעמדס,— אַ פרעמדע וועלט, אַ ווײַטע וועלט, אַן אומבאַקאַנטע וועלט, אַן אומפאַרשטענדלעכע וועלט!

אָנשטאָט דעם נאָענטן, דעם אינטימען, דעם באַקאַנטן יידישן וואָרט — דאָס פרעמדע, דאָס אומפאַרשטענדלעכע וואָרט! דאָס קינד ווערט אָפּגעטייט אויף דער שול־באַנק, און ווען עס גייט אַזוי דור־אײַן, דור־אויס, ווערט דערשטיקט אַלץ, וואָס איז געווען יידיש. דאָס פאָלק הויכט אויס זײַן נשמה, עס אַסימילירט זיך, עס שטאַרבט אָפּ!

און אַזוי איז געשטאָרבן דאָס יידישע פאָלק אין פראַנקרייך און אין דײַטשלאַנד און אין ענגלאַנד און אין איטאַליע און אין אונגאַרן. און אַזוי שטאַרבן אָפּ טיילן פון פאָלק אין פוילן, אין רוסלאַנד, אין אַמעריקע. אַפילו ווען אַ היטלער־קלאַפּ וועקט זייערע אָרעמע רעשטן אויף פון זייער הינערפלעט, זײַנען זיי נאַציאָנאַל האַלב שוין געשטאָרבן; קיין כוחות אויף אָנצוקניפּן זיך אין אָרגאַנישן יידישן פאָלקסלעבן האָבן זיי שוין ניט.

פעלקער מיט מער מעגלעכקײַטן פאַר אַ זעלבשטענדיק נאַציאָנאַל לעבן האָבן

שוין פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון דער שול אויף דער מוטערשפּראַך. דער קאַמף פון אַלע אונטערדריקטע נאַציעס פאַר זייער באַפרייונג האָט זיך שטענדיק אָנגעהויבן פון דעם קאַמף פאַר דער אייגענער שול. און פאַרקערט — דער קאַמף פון דער הערשנדיקער אומה קעגן דער אונטערדריקטער איז אויך שטענדיק געווען דערהויפּט אַ קאַמף פאַר צווינגען דאָס אונטערדריקטע פאָלק דורכצומאַכן דאָס סדום-בעטל פון דער פרעמדער, הערשנדיקער שול.

רוסיפיקאַציע, גערמאַניזאַציע, פּאָלאָניזאַציע, אַמעריקאַניזאַציע, — דאָס זיינען אַלץ די שטאַרקסטע מיטלען פון די הערשנדיקע פעלקער, כדי צו פאַרניכטן די קליינע, די שוואַכערע אומות.

און יידן זיינען אין דעם פּרט קיין אויסנאַם ניט. לאָזן זיך באַהערשן פון דער פרעמדשפּראַכיקער שול — הייסט לאָזן זיך סוף־כל־סוף אָפּגעמעקט ווערן פון דער ערד, אַלנפאַלס אַלס שעפּערישער און זעלבשטענדיקער נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו.

אָבער איידער עס זאָל נאָך קומען דער לעצטער סוף אונדזערער דורך דער פרעמדער שול — שטעלט זי אונדז גלייך, תיכף־ומיד שוין אונטער אַ מין גייסטיקן טעראָר.

די פרעמדע שול פאַר אונדז אויף דער פרעמדער שפּראַך באַטייט, אַז מיר זיינען בירגער פון דער צווייטער מדרגה, אַז אונדזער שפּראַך איז אַ געמיינע, אַ נידעריקע. דער ייד אין פּוילן, וואָס דערוועגט זיך אָפּצוגעבן זיין קינד אין דער פרעמדשפּראַכיקער שול, שטעלט אין דער גרעסטער סכנה די ברידער זיינע, וואָס ריידן יידיש. דער פּאָליאַק געוויינט זיך צו צו דעם געדאַנק, אַז יידיש האָט ניט קיין; זכות הקיום, ווייבאַלד אַז אפילו די יידישע שולן זיינען אין דער פּוילישער שפּראַך. און עס באַקומט זיך די שרעקלעכע, שווידערלעכע לאַגע, אין וועלכער עס לעבן אונדזערע יידישע פאָלקסמאַסן אין קרוינפּוילן: זיי זיינען ווי שפּלערע מענטשן דערפאַר, וואָס זיי ר י י ד ן י י ד י ש.

און אונטער אַזאַ גייסטיקן טעראָר קען שוין בכלל ניט זיין קיין רייד וועגן קיין שום גלייכבאַרעכטיקונג, ניט נאָר וועגן נאַציאָנאַלער, נאָר אפילו וועגן בירגערלעכער. די אָנערקענונג פון דער יידישער שפּראַך און פון דער יידישער שול זיינען די אָנערקענונג פון אונדזער מענטשלעכן רעכט; ווערט אָבער אונדזער שפּראַך און אונדזער שול ניט אָנערקענט — הייסט עס, אַז ביי אונדז ווערן אָוועקגערויבט אונדזערע עלעמענטאַרע רעכט.

דער קאַמף פ אַ ר דער יידישער שול, דער קאַמף ק ע ג ן דער פ ר ע מ ד ע ר שול איז דעריבער דער קאַמף פאַר אונדזער עלעמענטאַרסטן לעבנסרעכט.

און ווער עס שטעלט זיך ניט צו דעם דאָזיקן קאַמף, ענטפערט איבער אונדזער פאָלק אויף אונטערגאַנג.

און ווען די יידישע לערערשאַפט אין ווילנע שטייט שוין צענדליגער יאָרן אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס אין קאַמף פאַר אונדזער שול, דורך איר טאָג־טעגלעכער פּאָזיטיווער אַרבעט, איז אונדזער חוב זי צו שטיצן מיט אַלע מיטלען, איבער אונדזערע כוחות. קיין גרעסערע נאַציאָנאַלע פליכט קען ניט געמאָלט זיין אין דעם איצטיקן קריטישן מאָמענט, וואָס אונדזער פאָלק לעבט איצט איבער!

ח. פּופּקאָ
דעלעגאַט פון צ. ב. ק. צו די ווילנער
לאַנדסלייט אין אַמעריקע

ח. פּופּקאָ

מיט לייב און לעבן פאַר דער שול.

שוין באַלד 20 יאָר עקסיסטירט אין ווילנע און ווילנער געגנט די יידיש־וועלטלעכע שול. טויזנטער קינדער, אַ נייעם יונגן דור האָט די שול פאַר דער צייט אויפגעהאָדעוועט און אַרויסגעלאָזט. די יידיש־וועלטלעכע שול איז געוואָרן אַ וויכטיקער און ווירקנדיקער פאַקטאָר אין יידישן לעבן. ניט אומזיסט איז די שול ווי אַ דאָרן אין אויג ביי אונדזערע שונאים. פאַר די 20 יאָר פון איר עקסיסטענץ זיינען פון פאַרשיידענע זייטן געמאַכט געוואָרן פרוּוון די שול אומצוברענגען. ניט אַזוי לייכט איז דאָס אָבער אויסצופירן. אונדזער שול איז אַרומגערינגלט מיט ליבע און איבערגעבנקייט פון די עלטערן, וועלכע זיינען גרייט ביי יעדער סכנה, וואָס קען דראָען דער שול, מיט אַלע כּוחות זי צו באַשיצן און קעמפן פאַר איר קיום.

„אמתע פריינד דערקענט מען אין נויט” זאָגט אַ שפּריכוואָרט. וויל איך דאָ טאַקע דערמאָנען איינציקע מאָמענט: פון די טעג (מאַי 1933), ווען די „ש. פרוג־שול” אין ווילנע איז געוואָרן געשלאָסן.

אין יענע טעג האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן די באַציִונג פון די ברייטע יידישע פאָלקסמאַסן צו דער יידיש־וועלטלעכער שול.

די „פרוג־שול”, איינע פון די עלטסטע און גרעסטע יידישע שולן אין פּוילן, אַן אַנשטאַלט, וואָס האָט דורכגעהאַלטן די שווערסטע און ביטערסטע צייטן פון דער וועלט־מלחמה און דייטשער אָקופּאַציע, איז מיטאַמאָל, אָן אַ פאַרוואָס און פאַרווען געשלאָסן געוואָרן. העכער 450 קינדער זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויף דער גאַס. די דאָזיקע גזירה איז געקומען אינגאַנצן אומגעריכט און האָט טיף דערשיטערט די עלטערנשאַפט, די לערער, די קינדער.

די נידערגעשלאָגנקייט און די געדריקטע שטימונג, וואָס איז געווען ביי

אונדז אַלעמען די ערשטע טעג נאָכן אָפּ־
שטעלן די לימודים אין שול, איז אָבער גיך פאַרשוווּנדן... דער אָפּקלאַנג, וואָס די ידיעה וועגן שליסן די שול האָט גע־פֿונען ביי דער יידישער באַפעלקערונג ניט נאָר אין ווילנע, האָט אונדז געגעבן מוט און זיכערקייט.

מ'האָט געדאַרפט זען די צעטראָגענע פּנימער פון די עלטערן, ווען זיי זיינען אין מיטן טאָג געקומען צו לויפן אין שול זיך דערוויסן, פאַרוואָס מ'האָט פּלוצלונג איבערגעריסן די למודים, און די פרייד, מיט וועלכער זיי האָבן דער־נאָך באַגעגנט די ידיעה וועגן צוריק עפענען די שול! מ'האָט געדאַרפט זיך צוקוקן צו די קינדער, וועלכע האָבן גע־שטראַלט פון שמחה, ווען זיי זיינען צו־ריק געקומען אין שול, און ממש גע־טאַנצט פון גליק און באַגייסטערונג, כּדי צו דערפילן, וואָס פאַר א טיפע וואָרצלען די יידישע שול האָט געלאָזן ביי דער ווילנער יידישער באַפעלקערונג און ווי ענג און אינטים דאָס יידישע קינד איז פאַרבונדן מיט אונדזער שול.

אָט וואָס עס האָבן וועגן די פינצ־טערע 10 טעג פון דער פרוג־שול גע־שריבן אירע תּלמידות:

די שילערין ק. (8טער קל.) שרייבט:

„מיטוואָך דעם 29 אַפּריל. די 3טע לעקציע. מיר זיצן אויף די בענק, קוקן אין די ביכער. פּלוצלונג גייט אריין אין קלאַס דער פאַרוואַלטער פון שול... א בלייכער, אן אומעטיקער. ס'ווערט שטיל. א שווער פאַרגעפיל נעמט מיך אַרום. נישט צו דערקענען איז אָבער געווען, אז דער פאַרוואַלטער קומט אזא שלעכטע בשורה אָנזאָגן. פינף מינוט איז ער געשטאַנען א פאַרטראַכטער לעבן פענצטער. און טרויעריק איז געווען דער מאָמענט, ווען ער האָט איבערגעריסן די לעקציע און געזאָגט, אַז די שול איז גע־שלאָסן אויף אַן אומבאַשטימטער צייט...

— וואָס הייסט דאָס? אונדזער שול? פאַרוואָס? ווי קאָן דאָס זיין? אַלע שטייען פאַרגליווערט. ווען עמיץ וואָלט דערלאַנגט אַן עפן די טיר און אונדז דערזען אין דער פּאַזע, וואָלט ער זיכער געמיינט, אַז עס שטייען מתים. „...די שטילקייט רייסט איבער א געוויין און צו דעם געוויין שטייען צו געוויינען פון אַלע איבעריקע קינדער. אייניקע שטייען נאָך אַלץ ווי פאַרשטיינערט. אַנדערע כליפּען אויפן קול. נאָך אַנדערע שטייען צעטומלט, פאַרשטייען, ווי ס'ווייזט אויס, נאָך אַלץ ניט, וואָס ס'האָט פּאַ־סירט.

דער לערער איז רויט, וויקלט זיין פּעקל, קלייבט זיך אַרויסגיין פון קלאַס און קען ניט. אַלע קינדער האַלטן די ביכער, ווילן שוין גיין און קענען עפּעס ניט. מע קוקט זיך אַרום אין צימער, ווי מע וואָלט זיך מיט אים געזעגנט.

. . . .

אַן אַנדער שילערין שרייבט:

„...כ'וויל גיין אַהיים. אָבער ווּ איז מיין היים? אין היים — די שול האָב איך שוין ניט. איך בלאָנקע זיך אַרום איבער די גאַסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. איך זע ניט, ווער ס'גריסט מיך. איך ענטפער קיינעם ניט. איין געדאַנק עקבערט מיך די גאַנצע צייט: „וואָס וועט זיין ווייטער"?...

אין דער היים האָט מען זיך דער־שראָקן פאַר מיין אויסזען. „וואָס איז געשען?" איך ענטפער ניט, ווייל איך

קען ניט. מע גיט מיר עסן. צו וואָס דאַרף איך עסן?

איך נעם די אָוונט־צייטונג און לייען איבער די טרויעריקע ידיעה. אין קאָפּ הייבט מיר אָן שווינדלען. כ׳לייג זיך שלאָפן מיט אַ גוואַלדיקן קאָפּ־ווייטאָג און מיט היץ...

. . . .

און אָט באַשרייבט די שילערין דעם מאָמענט, ווען די שול איז צוריק גע־עפנט געוואָרן:

...,,מיט צעבראָכענע הערצער פלעגן מיר טעגלעך קומען אין שול. אונדזער שול, ווו ס׳האָט אַלע מאָל געקאָכט, גע־רוישט, פול מיט לעבנסלוסט, איז פּלוצ־לונג פאַרשטומט געוואָרן 2 חדשים פאַרן ענדיקן דעם לערניאָר. ווי אָפּגעמשפּעטע, שטאַרק באַעוולטע, פלעגן מיר זיך אויס־זעצן אין זאַל אויף די בענק און מיט אומגעדולד דערוואַרט דעם פאַרוואַלטער, אפשר האָט ער געבראַכט אַ פרייליכע בשורה. נאָר אומזיסט. אַ פאַרטרויער־טער פלעגט ער אַריינקומען און אויף אונדזערע שאלות פלעגן מיר באַקומען איין און דעם זעלבן ענטפער: ,,גע־דולד״.

אַלץ אַרום האָט געטרויערט, סיי די לערער, סיי די שילער, סיי די ווענט, די בענק. עפּעס אַ מסירת־נפש־געפיל האָט זיך אין יעדן דערוועקט. יעדער איז גע־ווען גרייט צו גיין אויף אַלץ.

אָט אַזוי פלעגן אַוועקגיין לאַנגע, גרויסע אומעטיקע טעג.

ענדלעך איז דער ליכטיקער, לייכט־דיקער פרימאָרגן געקומען.

,,איינמאָל קומענדיק אין צ. ב. ק.— האָט מען מיר איבערגעגעבן די פריי־לעכע, נייע, די גליקלעכע ידיעה, אַז אונדזער שול וועט זיך אויף זיכער עפע־נען. ווי קען איך איבערגעבן, וואָס איך האָב דאַן געפילט?! אַ פרייד אָן אומ־באַשרייבלעכע, ווען איך וואָלט זיך ניט געשעמט, וואָלט איך געטאַנצט אויף די גאַסן און געשריען אומעטום: ,,אונדזער שול איז געעפנט, הוראַ!״

יענעם טאָג, ווען מ׳האָט אונדז ,,אָפּגע־לאָזן״ איז געווען פאַרוואָלקנט, נאַס און קאַלט. ס׳איז געווען אַ טאָג פון טרויער. צוגלייך מיט אונדז האָט אויך די נאַטור געטרויערט. און איצט — אַ העלער פריי־מאָרגן. דער הימל האָט געשמייכלט ווי אַ קינד אין פרימאָרגן. אַלץ אַרום האָט זיך געפרייט: ,,זעט, ווי פריי איז די וועלט, ווי גרויס איז דער הימל! זעט, ווי העל און ווי ווייך איז דאָס ליכט פון דער זון. אַלץ, אַפנים, לעבט און פרייט זיך, און אויך מיר לעבן! מיר דאַרפן לעבן! מיר מוזן לעבן! טאָ זאָל זשע טאַקע לעבן און וואַקסן אונדזער ליבע שול!״

*

יאָ, אַזוי איז עס. די יידיש־וועלט־לעכע שול מוז און וועט לעבן; נישטאָ אַזאַ כוח, וואָס זאָל קענען אירע וואָרצ־לען אַרויסרייסן פון די הערצער פון דער יידישער אַרבעטער־ און פאָלקס־מאַסע, פון דעם יידישן אַרבעטער־ און פאָלקס־קינד!

אַברהם רייזען צו גאַסט אין דער ייִנגל־שול „מפיצי השכלה“ אין יאָר 1928

אַ לעקציע פון אַרבעט אין דער ד. קופּערשטיין־שול

ד"ר י. ביבער

אונדזער זיג איז זיכער, ווייל אונדזער זאך איז א גערעכטע.

אין דער געשיכטע פון קאמף פאר די רעכט פון א יידיש־וועלטלעכער שול פאר די יידישע מאסן וועט די איצטיקע צייט זיכער פארשריבן ווערן מיט גאלדענע אותיות.

עס איז לייכט געווען צו בויען אונדזער שולוועזן — בשעת די מאכט האט עס טאלערירט; עס איז מעגלעך געווען אויסצוהאלטן עס פינאנציעל — בשעת עס זיינען געווען סובסידיעס פון אויסלאנד.

היינט אבער, ווען אונדזערע שולן זיינען א דארן אין אויג אונדזערע שונאים, ווען די מאטעריעלע הכנסות האבן זיך פארקלענערט ביז א מינימום, ווען דער מאטעריעלער מצב פון דער יידישער פאלקסמאסע איז אזוי געפאלן, אז מע שיקט די קינדער אפילו צו די מיסיאנערן, צוליב א שטיקל ברויט און א ווארעמען צימער, — איז עס די אמתע צייט פון מסירת־נפש פאר די, וואס שטייען נאך, מיט לייב און לעבן, ביי דער יידישער שול.

ניט מיד ווערט דער לערער ביי דער ארבעט אין שול. ער פילט ניט די מאנגלען צוליב די ניט - אויסגעצאלטע שכירות. צוזאמען מיטן שולפריינד און שול־טוער קעמפט ער מיט די אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע שונאים.

פון וואנען נעמען זיך די כוחות, וואס שעפן זיך ניט אויס, די גרענעצלאזע ענערגיע?

פונקט ווי עס איז איבעריק צו פרעגן, פארוואס עס ווערט ניט איינגעשטילט דער ים, פארוואס עס שטעלט זיך ניט אפ די ערד אין איר באוועגונג — אזוי קען מען אויך ניט ספקן אין נאטירלעכן כח פון דער אידיי פארן קאמף און קיום פון א יידיש־וועלטלעכער שול פאר די יידישע מאסן.

ווי קליין עס זאל ניט זיין דערווייל אונדזער מחנה, דאך זיכער איז אונדזער זיג, — ווייל אונדזער זאך איז א גערעכטע.

איך ווינטש ווילנע, דעם ליטווישן ירושלים, וואס האט אונדז געגעבן די ערשטע יידישע גימנאזיע, אז זי זאל האבן דעם כבוד צו געבן איינגיכן אונדז א יידישן אוניווערסיטעט. בראווא, ווילנער אינטעליגענץ!

ה. ד. נאמבערג (1920)

ג. פלודערמאַכער

דער ווילנער לייכט־טורעם האָט ווידער געשיינט!

די אַלגעמיינע שול - אויסשטעלונג, וועלכע איז געווען איינגעאָרדנט אין ווילנע פּסח 1930, איז געווען איינער פון די באמת גראַנדיעזע שול־יום־טובים, וואָס פאַלן אויס אויפן גורל פון אונדזערע „הזורעים בדמעה" זייער זעלטן. זינט דער צווייטער שול־אויסשטעלונג אין ווילנע זיינען פאַרלאָפן גאַנצע 7 יאָר. שווערע, ביטערע יאָרן זיינען דאָס געווען! אָבער ניט געקוקט אויף דער שרעקלעכער מאַטעריעלער נויט און דחקות, אין וועלכע ס'מאַטערט זיך און בלוטיקט אונדזער שול — איז אונדזער שולוועזן כסדר געגאַנגען פאָרויס, ביז ער האָט דערגרייכט צו דער איצטיקער איינגעשטעלטקייט און רייפקייט.

קודם־כל איז די אויסשטעלונג וויכטיק געווען דערמיט, וואָס זי האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט אונטערצופירן דעם סך־הכל פון אונדזערע פּעדאַגאָגישע דערגרייכונגען פאַר דער פאַרלאָפענער תקופה.

עס איז אויך זייער וויכטיק אונטערצושטרייכן די ווירקונגען, וועלכע ס'האָט אויף אונדזער שול געהאַט די יידיש־וועלטלעכע קולטור־סביבה. ס'דאַרף זיין פאַר אַלעמען קלאָר, אַז די יידישע שול קען ניט באַטראַכט ווערן אַלס אַן אָפּגעזונדערט ווינקעלע אין אונדזער קולטור־לעבן. דאָס איז ניט קיין איזאָלירטער אינדזל, ווו מע קען פלאַנצן אַלערליי עקזאָטישע געוויקסן. אונדזער שול — די שול אויף דער לעבעדיקער שפּראַך פון קינד און פון זיין היים, די מאָדערנע אַרבעט־שול, וועלכע שטרעבט מיט טויזנטער פעדעם צו פאַרבינדן זיך מיט דער אַרומיקער לעבעדיקער סביבה — האָט אויף אַ נאַטירלעכן אופן געמוזט אָפּשפּיגלען אין זיך די כאַראַקטעריסטישע מאָמענטן פון יידישן קולטור־לעבן.

אין דעם האָט מען זיך געקענט לייכט איבערצייגן ביים צוקוקן זיך צום לימוד פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, ווי אַזוי ער איז פאָרגעשטעלט געווען אויף דער לעצטער אויסשטעלונג. עס האָבן איבערראַשט די לעקטור־העפטן פון קינדער פון אַ 5טן אָדער 6טן לערן־יאָר אין עלטער פון 12—13 יאָר. וועגן יעטוועדער געלייענטן בוך זיינען געווען אָפּגעגעבן קורץ - געפאַסטע באַריכטן, דער איינדרוק, וואָס דאָס ווערק האָט געמאַכט אויפן יונגן לייענער — און אַלץ אַזוי איינפאַך, אַזוי לייכט, אַזוי אוממיטלבאַר.

זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער לעצטער אויסשטעלונג איז געווען די

גרויסע צאָל קינדערשע וואַנט־צײַטונגען מיט אַרטיקלען וועגן די פאַרשיידנסטע געשעענישן אין שול און אויסער דער שול. ס׳זײַנען געווען אַרטיקלען אויף פובליציסטישע טעמעס, וועגן ענינים פון דער קינדערשער זעלבסטפאַרוואַלטונג, וועגן די חברשע באַציִונגען. ס׳זײַנען געווען צײַטונגען, געווידמעט אַ געדענק־טאָג פון אַ שריפטשטעלער אָדער אַ שול־טוער. די אויסשטעלונג האָט געגעבן אַ שלל מיט מוסטערן פון וואַנט־צײַטונגען.

עס איז אַ באַווײַז פון דער ווירקונג פון דער פרעסע אויף אונדזער שול־אַרבעט.

אָט הענגט אויף דער וואַנט אַן אַלטער נומער פון אַמאָליקן „פריינד’ — און דערבײַ אַ שריפטלעכע אַרבעט — אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דער אַנטשטייונג פון דער ערשטער יידישער טעגלעכער צײַטונג, וועגן דעם אײַנדרוק, וואָס די צײַטונג האָט געמאַכט אויפן יונגן מחבר, אַ שילער פון 8טן קלאַס פון דער שול „מפיצי השכלה’’.

און אָט זעט איר אונטער דעם אַ קלענערע צײַטונג, „די פאָלעסיער שטימע’’ — מיט אַ סך אונטערשטרייכונגען: די קינדער פון דער דאָרטיקער שול האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן די גרויסע צאָל אָרטאָגראַפישע גרײַזן פון דער קליינער פראָווינץ־צײַטונג, האָבן זיי די צײַטונג קאָרעגירט לויט די כללים פון דער נײַער אָרטאָגראַפיע, און די שול האָט דאָס צוגעשיקט צו דער אויסשטעלונג אַלס עקספּאָנאַט.

אָבער די פרעסע האָט ניט נאָר געהאַט אַ השפעה אויף דעם יידיש־לימוד אין אונדזערע שולן אומדירעקט, זי האָט אויך געשאָנקען אונדזער שולוועזן אַ טײַערע מתנה — דאָס זײַנען די אַלבאָמען, וועלכע זײַנען צונויפגעשטעלט פון וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען און אילוסטרירטע בײַלאַגעס צו די צײַטונגען, באַזונדערס פון „פאָרווערטס’’.

די אַלבאָמען זײַנען וויכטיק ניט נאָר פון עסטעטישן, נאָר אויך פון פשוט אוטיליטאַרן שטאַנדפונקט; דאָס זײַנען די בעסטע און די שענסטע לייענביכער, וואָס די שול פאַרמאָגט. צו די אילוסטראַציעס - בילדער גייען צוגעפאַסטע אַרטיקלען. די אַרטיקלען זײַנען סיסטעמאַטיזירט לויט די לימודים. ס׳איז כדאַי אָנצוווײַזן אויף עטלעכע מער וויכטיקע:

1) „די משפחה פון אונדזערע שריפטשטעלער’’: אַ זאַמלונג פון בילדער, אַרטיקלען, נאָטיצן פון צײַטונגען — אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיטן לעבן און שאַפן פון אונדזערע יידישע שריפטשטעלער. דעם אויבנאָן אין אַלבאָם פאַרנעמט פרץ, דער באַליבטסטער דיכטער בײַ די שילער פון די עלטערע קלאַסן. דערנאָך גייט שלום־עליכם, דער ליבלינג פון דער ייִנגערער חברה. דאַן דער „זיידע’’ מענדעלע און נאָך אים די אייניקלעך.

2) „שריפטשטעלער פון אַנדערע פעלקער’’: דער דאָזיקער אַלבאָם איז צעטיילט אויף צוויי טיילן: 1) פוילישע שריפטשטעלער, וועלכע זײַנען שוין מער אָדער ווייניקער די תלמידים באַקאַנט פון פויליש־לימוד, 2) שרייבער פון אַנדערע פעלקער: רוסישע, דײַטשישע א’’אַ.

3) אַלבאָמען, געווידמעט באַרימטע פערזענלעכקײַטן, ווי קעמפער פאַר

פריַיהייטס-אידעאַלן, צווישן זיי האָט זיך אויסגעטיילט דער מיכאַלעוויטש-אַלבאָם פון דער מעדעם-סאַטאַנאַטאָריע.

4) „יידישע טיפּן" בכלל און יידישע קינדער-טיפּן בפרט — אַ געהילפס-מאַטעריאַל צו דעמאָגראַפיע און היימקענטעניש.

די דאָזיקע פיר אַלבאָמען האָט אויסגעשטעלט די קופּערשטיין-שול.

5) „פעלקער און לענדער" — די אַלבאָמען פאַר געאָגראַפיע און געשיכטע און באַזונדערס פאַר געאָגראַפיע און געשיכטע פון פוילן..

6) קונסט-אַלבאָמען — צו דער געשיכטע פון מאָלעריי און אַרכיטעקטור. פאַרשיידענע סטילן פון געביידעס.

7) נאַטורוויסנשאַפטן און טעכניק.

8) היגיענע.

9) ספּאָרט.

10) פּרעסע-אַלבאָם פון אַלע יידישע צייטונגען פון גאַר דער וועלט.

עס מוזן נאָך דערמאָנט ווערן אַלבאָמען, וועלכע זיינען געווידמעט פאַרשיידענע שטעט, ווי למשל, „אונדזער ווילנע" — 6טער און 7טער קלאַס יינגל-שול „מפיצי השכלה" — דאָ גייען אַריין די געשיכטע פון דער שטאָט און באַשרייבונגען פון פאַרשיידענע גאַסן. יעדער שילער האָט באַשריבן זיין גאַס און באַצירט די באַשרייבונג מיט געהעריקע בילדער, פאָרטיקע רעפּראָדוקציעס אָדער געמאָלט מיט דער אייגענער האַנט. אַ באַזונדערן אָרט פאַרנעמט דאָס יידישע געטאָ אין ווילנע. דער אַמאָליקער און איצטיקער פּלאַן פון דער שטאָט, דיאַגראַמעס און טאַבעלעס וועגן אינדוסטריע און האַנדלס-אונטערנעמונגען, באַריכטן וועגן פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אינסטיטוציעס, אַן אָפּטיילונג פאַר דער אָרטיקער פּרעסע און פאַרן טעאַטער, פאַרן אָרטיקן און אַלגעמיינעם שולוועזן.

און ניט נאָר צוליב דער גוואַלדיקער אָרעמקייט אין לערנביכער און הילפסביכער זיינען די אַלבאָמען אַזוי וויכטיק. דער פּראָצעס פון שאַפן די אַלבאָמען איז אַליין פאַר זיך רייך מיט אַזוי פיל מעגלעכקייטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון די קינדערשע פעיִקייטן.

אויסער די אויבנדערמאָנטע אַרבעטן דאַרף נאָך אויסגעטיילט ווערן אַ נייער צווייג פון אַרבעטן, וועלכע האָבן זיך אויף די פריערדיקע אויסשטעלונגען ניט געלאָזט מערקן. די אויסשטעלונג האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ שפע פאָלקלאָריסטישע אַרבעטן: זאַמלונגען פון פאָלקס-ווערטלעך, גלייכווערטלעך, פאָלקס-לידער, רעטענישן, וואָרט-שפּילן א"אנד — דאָס אַלץ איז געזאַמלט געוואָרן סיי פון ליטעראַרישע ווערק, סיי פון דער אַרומיקער לעבעדיקער סביבה.

ס'וואָלט אָבער געווען אַ גרויסער טעות צו מיינען, אַז יידיש ווערט געפלעגט אין אונדזער שול אויסשליסלעך ווי אַ פאָלקס-שפּראַך. אין דער אמתן האָט מען זיך געקאָנט אויף דער אויסשטעלונג איבערצייגן, אַז אויף יידיש ווערט אויך געלערנט די אוניווערסאַלע ליטעראַטור, אַז יידיש איז ניט נאָר דער נאַציאָנאַלער פונדאַמענט פון אונדזער מאָדערנער שול. די יידישע שפּראַך הייבט אויך אָן צו שפּילן די ראָלע פון אַ מעכטיקן ווערקצייג פאַר דער אוניווערסאַלער אַנטוויקלונג פון אונדזערע קינדער, און פונקט אַזוי ווי אַלע וויסנ-

שאַפֿטלעכע דיסציפּלינען ווערן געגעבן אַלס לימודים אין אונדזער שול אין דער יידישער שפּראַך, אַזוי דאַרפֿן אויך געגעבן ווערן אין דער יידישער שפּראַך אַלע קלאַסישע ווערק פֿון דער אַלוועלט־לעכער ליטעראַטור. עטוואָס איז שוין אין דעם פּרט אויפֿגעטאָן געוואָרן. אויף דער אויסשטעלונג זיינען געווען שריפֿט־לעכע אַרבעטן פֿון דער אַלטער קלאַסי־שער ליטעראַטור, ווי למשל, „פּראָמע־טעוס־מאָטיוון אין דער אַלטער און נייער ליטעראַטור", אָדער „פּראָמעטעוס־מאָטיוון אין דער ביבלישער מיטאָלאָ־גיע", אויך איז געווען אַן אַרבעט א. ד. ט. „די וווּנדערבאַרע פֿרויען־געשטאַלטן פֿון די גריכישע טראַגעדיעס — אַנטי־גאָנע און איפֿיגעניע".

אַ צירונג פֿאַר דער אויסשטעלונג איז אויך געווען די דעקאָראַציע צו „יוליוס צעזאַר", וועלכן די שילער פֿון דער רע־אַל־גימנאַזיע האָבן געשפּילט מיט אַזאַ דערפֿאָלג אין ווילנע און אין וואַרשע.

יידישע דעמאָגראַפֿיע איז זייער שיין פֿאַרגעשטעלט געווען אויף אונדזער אויס־שטעלונג. פֿריער פֿלעגט דעמאָגראַפֿיע אַריינגיין אַלס באַשטאַנד־טייל פֿון געאָ־גראַפֿיע. איצט האָט דעמאָגראַפֿיע פֿאַר־נומען אַ גאַנץ בכּבֿודיקן און זעלב־שטענדיקן אָרט; די לערער האָבן זיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט מיט דעם נייעם לימוד און האָבן געשאַפֿן פֿאַר דער אויסשטעלונג אַ סך אינטערעסאַנ־טע עקספּאָנאַטן: דיאַגראַמעס וועגן דער צאָל יידן און זייערע באַשעפֿטיקונגען אין פֿאַרשיידענע לענדער און אין די גרעסטע וועלט־שטעט. די דאָזיקע אָפּ־טיילונג איז געווען אַן איבעראַשונג, ווי אויך דער צימער פֿאַר היימקענטע־ניש אונטערן נאָמען „אונדזער ווילנע".

צום סוף עטלעכע ווערטער וועגן דער באַציִונג פֿון אונדזערע קינדער צו דער יידישער ליטעראַטור און צו אירע שע־פֿער. ווי אַ מעכטיקער קוואַל שלאָגט די הארציקע ליבע פֿון אונדזערע קינדער צום יידישן שריפֿטשטעלער. דאָס האָט מען געקענט זען פֿון דער פּינקטלעכ־קייט און זאָרגעוודיקייט, מיט וועלכע עס זיינען אויסגעפֿירט געוואָרן די ביאָ־ביבליאָגראַפֿישע טאַבעלן פֿון מענדע־לעס, פּרצעס און שלום־עליכמס שאַפֿן — אַן אַרבעט פֿון דער ווילנער רעאַל־גימ־נאַזיע.

מע האָט דאָס אויך געמערקט אין די אָפּהאַנדלונגען וועגן די יידישע אַרבע־טער־דיכטער, מ. ראָזנפֿעלד, מ. ווינ־טשעווסקי, א. רייזען, ד. עדלשטאַט, באָווישאָווער א"אַ (8טער קלאַס „מפּיצי השׂכּלה"), אין די אַרבעטן פֿון די תּלמידות פֿון דער קופּערשטיין־שול „אַברהם רייזען ביי אונדז אין שול".

און ניט נאָר די יידישע שריפֿטשטע־לער זיינען אַזוי טייער און נאָענט אונד־זערע קינדער. אַלץ, וואָס איז שיין, גע־פֿינט אַן אָפּקלאַנג אין זייערע נשמות. מע האָט געדאַרפֿט לייענען און שטו־דירן דעם וווּנדערבאַרן קאָמפּלעקס „די מוטער", צו דער פֿייערונג פֿון מוטער־טאָג אין גימנאַזיע ס. מ. גורעוויטש (אָנגעפֿירט פֿון מ. חיימסאָן), כּדי צו זען עס מיט די אייגענע אויגן. אין דעם קאָמ־פּלעקס (איבער אַ צענדליק אַלבאָמען פֿון אַרבעטן מיט פֿיל אילוסטראַציעס) גע־פֿינען מיר טעמעס: די מוטער ביי די יידישע קלאַסיקער (שלום אַש, שלום־עליכם, י. ל. פּרץ); די מוטער ביי ניט יידישע שריפֿטשטעלער; ביאָגראַפֿיעס

פון די מוטערס פון אַלע תּלמידים און תּלמידות פון קלאַס. די מוטער בײַ בעלי־חיים. שפּריכווערטער וועגן מוטער־ליבע, פאָלקסלידער, פאָלקס־מעשׂיות וועגן מאַמעס און שטיפמאַמעס אאַז״וו. סאַראַ שפע פון גײַסטרײַכע איבערלע־בונגען עס האָבן זיך אַנטפּלעקט אין די דאָזיקע אַרבעטן!

אונטערפירנדיק דעם סך־הכּל פון דער לעצטער שול־אויסשטעלונג, שטעלט זיך ניט ווילנדיק די פראַגע: צי איז בּיכולת אַ וועלכע ניט איז אַנדערע שול צו געבן דעם יידישן קינד אַזוי פיל לעבנס־מוט, אַזוי פיל לעבנספרייד, אַזוי צו באַוואָפענען אים צום קאַמף פאַר אַ בעסערער צוקונפט, ווי דאָס טוט די יידיש־וועלטלעכע שול?..

יידיש־ווינקל אויף דער שול־אויסשטעלונג אין יאָר 1930



דער שלאָסבאַרג אין ווילנע

ש. באַסטאָמסקי

אַ גרוס פון ווילנע.

שוין באַלד 30 יאָר, ווי מיינע פריַינד זיינען אַוועק קיין אַמעריקע, אַוועק פון דער אַלטער אָרעמער ווילנע אין דער ריַיכער רחבותדיקער אַמעריקע, און אַ מאָדנע זאַך—אַלע געדענקען זיי נאָך און בענקען נאָך זייער ווילנע און קענען זיך מיט איר גאָר ניט שיידן.

וואָס האָבן זיי שוין דאָרט אין דער וויַיטער אַמעריקע אין משך פון די לעצטע עטלעכע צענדליגג יאָר ניט איבערגעלעבט? — און אין יעדן בריוו:

— וואָס הערט זיך עפּעס אין אונדזער ליבער טייערער ווילנע?

עס אינטערעסירט זיי די אַלגעמיינע ווילנע, ווילנע מיטן שלאָסבאַרג, „גאַי", „טעליאַטניק", „געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט", „נעווסקע", די וויליע מיט דער ווילענקע; ווילנע מיט אירע זומערהייזמען און זומערפּלעצער — רוזעלע, שטיבלעך-וואַלד, „זשעליאַזנע כאַטקע", די „קאָסאַרקעס", קאַטשערגינסקים באַרג, אַנטאָקאָל מיטן „פּאָלעוואָי פּערעאולאָק" און שווייצאַרקע, זווערינעץ, זאַקרעט און נאָך און נאָך אַנדערע.

אָבער מער פון אַלץ אינטערעסירט אַלעמען די אייגענע ווילנע, די יידישע—

ווילנע מיט די קרומע יידישע געסלעך, ווי יאַטקעווער, יידישע, גלעזער־גאַס, אָראַפּשלאָג־גאַס, קאַמניצקער, גיטקע טויבעס זאַווּליק, יעדעמאַנסקער א״וו.

— זיינע: נאָך פאַראַן די אַרקעס פון די אַמאָליקע געטאָ־טויערן?

— וואַקסט נאָך דאָס ביימל אויפן מויער אין דער יידישער גאַס?

— וואָס מאַכן עפּעס די יידישע געשטאַלטן, די פאַרקויפערינס פון באָב, „פלעשער וויין״, אַלטע זאַכן; די הענדלערקעס און טענדלערקעס, לאָטוטניקעס און טאַנדעטניקעס פון „דורכהויף״, שול־קלאַפּער, אתרוג־בענטשער, מצה־שטויסער?

— קריגט מען נאָך אין ווילנע די גרויסע מצה־קוכנס פאַר אַ פּייעס? די הייסע קוילעטשן פאַר אַ פּירער? טראָגט מען נאָך אַרום איבער די הייַזער געקאָכטע אַרבעס, שטיקלעך רעטשישניק, געהאַקטע שטינקע־קניידלעך?

— וואָס הערט זיך עפּעס אויפן באַרימטן ווילנער שולהויף, מיט דער גרויסער שול, גאונס קלויז און פיל אַנדערע קלויזן?

הענגט נאָך איבער דער שול די הילצערנע גאַלעריע, ווו ס׳פלעגן אַמאָל שפּילן יידישע קלעזמער?

אַזוי פיל יאָרן זיינען אַריבער, און אַלע געדענקען נאָך די שול מיטן פּאַליש, די אייַזערנע טיר, דעם שטיינערנעם טיש מיט די זייַלן, דעם גרויסן פּאַרמעטענעם סידור, דעם אָרון־קודש מיט די געצאַצקעטע טירן, די הענגלייַכטער...

פיל ווילנער געדענקען נאָך אפילו די הויפן פון דער יידישער און יאַטקעווער גאַס, די באַרימטע עקסדעוויזאָרסקי־הויפן.

די הייַנטיקע ווילנער קוקן איצט אויף יענע הויפן און קענען זיך ניט אָפּוווּנדערן, ווי אַזוי פון דאָרט זיינען אַרויס אַזוינע גרויסע לייט, וואָס זיינען געוואָרן באַרימט אין דער וועלט און באַרימט געמאַכט ווילנע — אָנגעהויבן פון ווילנער גאון, ר׳ אלי דאַנציקער, מחבר פונם „חיי אָדם״, דער ווילנער באַלעבעסל און דאַן — אייַזיק־מאיר דיק, אליקום צונזער, מרדכי אַנטאָקאָלסקי און נאָך און נאָך אויף פאַרשיידענע געביטן פון קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

— עקסיסטירט נאָך די סטראַשון־ביבליאָטעק?

— שטייען נאָך אויפן שולהויף די מוכרי ספרים, ביי וועמען מע קען קריגן צוזאַמען מיט אַ סידור און ראָמאַ לוח אויך די מעשה־ביכלעך פון א. מ. דיק, שמר, וועגן עזריאל מיטן בער, וויכנע־דוואָשע פאָרט קיין אַמעריקע, רבינו תם, ר׳ מאיר בעל הנס א״אַ?

— איז נאָך איצט אויך פול דער שולהויף מיט די יידישע קבצנים, קאַליקעס, משוגעים און אַנד. טיפּן?

— וואָס הערט זיך עפּעס אויפן עולם האמת — אויפן נייעם און אויפן אַלטן? וואַקסט נאָך דאָרט דער בוים פון גר־צדק?

— וואָס מאַכן עפּעס די אָרעמע יידישע קינדער? זיינען זיי זאַט, באַשוכט און באַקליידט? האָבן זיי ווי זיך צו לערנען?

טרעפט מען נאָך איצט אין די ווילנער גאַסן די ליכטיקע געשטאַלטן פון א דבורה־אסתר, שמעון קאַפּטאַן און זייער גלייכן?

פריינד, וואָס זיינען אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע אין די פרייע טעג (1905), פרעגן זיך נאָך אויף די אַמאָ־

ליקע „בירזשעס'' פון „בונד'', ס''ס, איסקרע, אנארכיסטן:

— ווי האלט עס מיט דער ארבעטער־באוועגונג אין ווילנע, דער וויגעלע פון „בונד''?

* * *

עס מאכט זיך איצט א גוטע געלעגנהייט איבערצושיקן א הארציקן גרוס צו אלע פריינד אין אמעריקע — א לעבעדיקן גרוס פון ווילנע. הונדערטער



א גאס אין ווילנער יידישן געטא

הערצער פון ווילנער פריינד וועלן זיכער אויפגעציטערט ווערן פאר פרייד און פארגעניגן, ניט ווייניקער — פאר צער און צארן.

צוזאמען מיטן לעבעדיקן גרוס זאל גיין אויך א בריוול:

ליבע פריינד!

איר האט שוין געוויס געהערט און געלייענט, אז פאר די לעצטע עטלעכע און צוואנציק יאר האט ווילנע זייער א סך איבערגעלעבט. עס זיינען פאר דער צייט פארגעקומען ביי אונדז מלחמות,

אָקופּאַציעס, רעוואָלוציעס, פּאָגראָמען, בייטענישן פֿון פֿאַרשיידענע מאַכטן.

געוועזן ציַיטן, ווען מיר האָבן געמיינט, אַז אָט־אָט גייען מיר אונטער, און צוזאַמען מיט אונדז — אויך אונדזער ווילנע; ציַיטן, ווען הונגעריקע האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן, באָמבעס זיינען געפֿלויגן איבער די קעפּ, רויבער האָבן געשלעפּט אונדזער האָב און גוטס, הייזער זיינען פֿאַרצוקט געוואָרן אין פֿלאַמען.

דער שטורעם איז אַריבער. ווילנע איז אַלץ איבערגעקומען, פֿאַר די לעצטע עטלעכע יאָר — אַפֿילו אויסגעוואַקסן, גענומען קומען צו זיך.

ניט אַלץ איז אין ווילנע ווי געווען. אַנדערש זען איצט אויס דאָס רוב פֿון די ווילנער גאַסן. מיר האָבן שוין ניט די צעבראָכענע הילצערנע „לאַוועס". אַנשטאָט זיי — כמעט אומעטום שטיינערנע טראָטואַרן.

אַפֿילו דער שולהויף איז שוין קאַנאַליזירט, און די גאַסן פֿונם יידישן געטאָ האָבן עלעקטרישע באַלייכטונג...

עס זיינען פֿאַר דער צייט אויפֿגעבויט געוואָרן פֿיל נייע הייזער, אַפֿילו גאַנצע קוואַרטאַלן. דאָך וועט איר קומענדיק קיין ווילנע האָפֿנטלעך נאָך אַלץ ניט פֿאַרבלאָנדזשען. די אַלטע ווילנע שטייט נאָך ערטערווייז אין איר גאַנצער אַמאָליקער „פּראַכט".

די אַמאָליקע באַלעבאַטים פֿון דער שטאָט, פֿאַר וועלכע אַ סך פֿון אייך זיינען אַנטלאָפֿן, זיינען שוין לאַנג נישטאָ. אויף זייער אָרט זיינען געקומען נייע, אָפֿט זייער בייזע און האַרטע. ווי דאָס זאָל אָבער ניט זיין — נאָך די אַמאָליקע בענקען מיר זיכער נישט.

יידן פֿאַרנעמען נאָך אין ווילנע אַ גאַנץ בכבודיקן אָרט, דאָך ווערט זייער צאָל אין פֿאַרגלייך מיט דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג אַלץ קלענער, ניט מחמת ווילטאָג און גליקן...

די מאַטעריעלע לאַגע פֿון דעם רוב יידן איז ווייַט ניט קיין געהויבענע. מע ווערט פֿאַרשוואַרצט אין נויט און דחקות.

די טויערן פֿון געטאָ זיינען שוין לאַנג געעפֿנט, און דאָך שטיקן זיך נאָך און דריקן זיך אין שמוץ און ענגשאַפֿט פֿון די געטאָ־געסלעך טויזנטער יידן. אַ שוידער נעמט דורך, ווען מען קוקט זיך צו, ווי אַזוי זיי לעבן דאָרט מיט זייערע משפּחות.

שוין 15 יאָר, ווי ס'איז פֿאַריבער דער שטורעם פֿון דער וועלט־מלחמה, און דאָך פֿילן מיר נאָך אַלץ די פּלאָגן זיינע — דלות און הונגער.

פֿון די געווינסן פֿון דער מלחמה האָט נאָך דערווייל די יידישע באַפֿעלקערונג ווייניק גענאָסן. אין אומאָפּהענגיקן פּוילן געניסן נאָך ניט די יידישע מאַסן פֿון אַלע רעכט. באַזונדערס פֿילט מען די רעכטלאָזיקייט אויפֿן קולטורעלן און עקאָנאָמישן געביט. די אַלע מלוכה־שטעלעס זיינען פֿאַר יידן פֿאַרשלאָסן, און אַפֿילו פֿון אַ סך אַלטע פּרנסות ווערן זיי ביסלעכווייז אַרויסגעשטויסן.

שרעקלעך איז די לאַגע פֿונם יונגן דור.

דער דורכשניטלעכער ווילנער ייד איז פֿון אייביק אָן קיין גביר ניט געווען. ער איז אָבער קיינמאָל ניט געווען אַזוי אומרויִק ווי איצט, ווייל קיינמאָל האָט זיך אַזוי ניט געפֿילט די אומזיכערקייט מיטן מאָרגנדיקן טאָג.

דער שטורעם איז אַריבער, אָבער אינגאַנצן לויטער איז נאָך ביי אונדז קיינמאָל ניט געוואָרן. עס הענגען נאָך אַלץ כמאַרעס איבער אונדזערע קעפּ.

* * *

און דאָך, ניט געקוקט אויף די כמאַ־
רעם און אויף די נאָענטע געוויטערן, קומען מיר אין אָט דער פינצטערער און ביטערער צייט מיט א ליכטיקן גרוס פון א נייער ווילנע, וואָס איז פאַר די לעצטע יאָרן ביי אונדז אויס-געוואַקסן: א ווילנע מיט יידישע שולן, יידישע גימנאַזיעס, נייע יידישע לערנ־ביכער, זשורנאַלן, צייטונגען, ביבליאָ־טעקן, קולטור־געזעלשאַפטן, יידישן וויסנ־שאַפטלעכן אינסטיטוט; א ווילנע, וואָס שאַפט און בויט אויף פאַרשיידענע גע־ביטן פונם איצטיקן יידישן לעבן.

צווישן די קינדער פון געטאָ זיינען לעצטנס אויסגעוואַקסן א סך טרוימער פון געטאָ, אזוינע, וואָס ווילן פאַר־שפּרייטן ליכט צווישן די יידישע מאַסן, פאַרטרייבן די פינצטערע שאָטנס, וואָס האָבן זיך צווישן זיי איינגענעסטיקט און איינגעפעסטיקט; אזוינע, וואָס ווילן איבערבויען דאָס לעבן אויף נייע יסודות, אויפבויען א בעסערע און שע־נערע וועלט, ווו עס זאָלן ניט זיין קיין אָרעמע און אונטערדריקטע.

די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו טאָן וועגן דעם, זיינען געווען יענע פון אייערע פאַרבליבענע חברים, וואָס האָבן ווייטער געשפּונען דעם חלום פון די אמאָליקע „בירזשעס" און „מאַסאָוו־קעס", צוזאמען מיט אייך געוועבט די רויטע פאָן אויף די בוידעמער און קע־לערס, זינגענדיק די שבועה, דאָס ליד פון הירש לעקערט א"א.

די בויער פון נייעם לעבן האָבן פאַרשטאַנען, אז די נייע צייט פאָדערט קודם־כל א נייע דערציִונג פאַרן יונגן דור, א נייע שול, געבויט אויף גאָר אנ-דערע יסודות. ווייל כדי מיט דערפאָלג צו פירן דעם קאַמף פאַרן ווייטערדיקן קיום, מוז אונדזער נייער דור זיין באַ־וואָפנט מיט גאָר אנדערע כלי־זיין ווי אמאָל.

און זיי, די בויער, האָבן דורכגעפירט א גרויסע אַרבעט. אויפן אָרט פון דער אַלטער קולטור שאַפט זיך א נייע, אויפן אָרט פון דעם אַלטן חדר איז אויסגע־בויט געוואָרן א נייע מאָדערנע יידישע שול.

שווער איז געווען די אַרבעט, גאָרניט פאַרצושטעלן זיך ווי שווער. אָבער די הייליקע באַגייסטערונג פאַרן ליכטיקן מאָרגן האָט אַלע שוועריקייטן באַזיגט.

שוין באַלד 20 יאָר עקסיסטירט שוין די נייע יידישע שול. פאַר דער צייט איז שוין דאָרט אויפגעהאָדעוועט גע־וואָרן א נייער דור, א יוגנט, וואָס שטייט שוין איצטער צוזאַמען מיטן עלטערן און העלפט בויען דאָס נייע לעבן.

מיר האָבן נאָך ניט דערגרייכט דעם פולן נצחון. אָבער פאַר אָט דער קורצער צייט איז אָפּגעטאָן געוואָרן אזא גרוי־סע אַרבעט, אז דאָס גיט אונדז מוט און גלויבן אין אונדזער ענטגילטיקן נצחון.

ניט ווילנע אַליין האָט די אַרבעט גע־פירט, ווילנע איז אָבער געוואָרן דער צענטער, דאָס מאָדערנע ירושלים דליטא. ווייל אין ערגעץ האָט די נייע שול ניט געלאָזן אזוינע טיפע וואָרצלען ווי אין ווילנע, פון ערגעץ פאַרשפּרייט זיך ניט די השפּעה פון דער נייער שול, אזוי ווי פון ווילנע.

ווילנע — האָט ניט לאַנג געזאָגט אין ריגע דער פאַרטריבענער היסטאָריקער אונדזערער ש. דובנאָוו — איז אפשר די אָרעמסטע שטאָט אין דער וועלט, אָבער די רייכסטע אין גייסט.

א גרוס פון דער אַלט־נייער ווילנע ד־
ווילנער לאַנדסלייט אין אמעריקע.

ווילנער לאַנדסלייט וועגן ווילנע.

אב קאַהאַן (רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס"):

...איך האָב געבענקט נאָך ווילנע, כּילע, פילע יאָרן — 39 יאָר, איידער איך האָב געהאַט דאָס גליק נאָך אַמאָל זי צו זען.

ווען די ערשטע פאַר יאָר, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין אַמעריקע, איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידן. דאַן איז די בענקשאַפט געווען אומגעהייער שאַרף. די ערשטע זעקס מאָנאַט פלעגט זיך מיר ווילנע חלומען כּמעט אַלע נאַכט. אָבער דער דורשט זי צו זען איז געווען אומבאַשרייבלעך גרויס צוויי אָדער דריי יאָר שפּעטער אויך.

אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט ווילנע, פלעגט אין מיר אַרויסרופן אַ צערטלעכן געפיל. ווען איך פלעג זיך באַגעגענען מיט אַ ניי־געקומענעם לאַנדסמאַן, פלעג איך מיט אים קענען פאַרברענגען גאַנצע שטונדן ריידנדיק וועגן ווילנע.

איך פלעג אָפט זינגען ניגונים, וואָס איך האָב געקענט פון ווילנע, און מיין יידישע שפּראַך איז מיר געווען טייער דווקא מיט אונדזער ווילנער אַקצענט.

צביון:

...אין ווילנע האָב איך געהונגערט און אין ווילנע האָב איך זיך אָנגעזאַפּט מיט לומדות, יידישע און גוישע. אין ווילנע בין איך געוואָרן אַן אַפּיקורס און אין ווילנע האָב איך דאָס ערשטע סאָציאַליסטישע בלעטל געלייענט. אין ווילנע בין איך שפּעטער געוואָרן אַ פּראָפ. צייטונגס־שרייבער און בין עס געבליבן ביז היינטיקן טאָג.

נ. כאַנין:

...פיר טעג האָב איך אין ווילנע פאַרבראַכט, און פאַר מיר איז אין די פיר טעג קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס ווילנע איז געווען דאָס וויגעלע פון אַלע וויכטיקסטע באַוועגונגען אין יידישן לעבן.

יעפים ישורין:

...קיין זאַך האָט מיך ביז איצט, פאַר די לעצטע 24 יאָר, ניט אָפּגעריסן פון ווילנע. וואָס לענגער איך בין אַוועק פון ווילנע, אַלץ נענטער און וואַרעמער ווערן מיינע געפילן און פיין ליבשאַפט צו דער שטאָט.

עס איז נאָך ניט אַריבער איין טאָג אין מיין לעבן פאַר די לעצטע 24 יאָר, איך זאָל זיך ניט דערמאָנען אָן ווילנע.

דער צ. ב. ק. און זיינע אנשטאלטן.

דער צ. ב. ק. און דער יידיש-וועלטלעכער שולוועזן אין ווילנע.

דער יידיש-וועלטלעכער שולוועזן אין ווילנע, וואס ווערט פארייניקט און אנגעפירט דורך דעם צענטראלן בילדונגס-קאמיטעט (צ. ב. ק.), איז אריינגעטראטן אין דעם 20טן יאר פון זיין עקסיסטענץ.

א טייל פון דער רומפולער געשיכטע פון צענטראלן בילדונגס-קאמיטעט אלס אנפירנדיקן ארגאן פונם יידיש-וועלטלעכן שולוועזן אין ווילנע און פון זיינע לערנדערציערישע אנשטאלטן איז שוין פארעפנטלעכט געווארן אין פנקס פון צ. ב. ק. אין יאר 1924 און שפעטער אין קלענערע אויסגאבעס.

אין פנקס פון צ. ב. ק. ווערט אויף קרוב 25 דרוק-בויגן באלויכטן די באדייטונג פון יידיש - וועלטלעכן שולוועזן, ס'ווערט באשריבן די געשיכטע פון יעדער שול באזונדער און ס'ווערט איבערגעגעבן א גענויער באריכט פון צ. ב. ק. פאר די ערשטע 5 יאר פון זיין ארבעט.

די געשיכטע פון דער מאדערנער יידישער שול — דאס איז איין קייט פון כסדרדיקע אנשטרענגונגען, פון אומאויפהערלעכן קאמף פארן קיום, פון ראנגלען זיך מיט דער ביטערסטער מאטעריעלער נויט, פון קאמף פאר דער רעכטלעכער אנערקענונג.

דער בודזשעט פון דער שול איז קיינמאל ניט געווען געזיכערט, און דער לערער האט שטענדיק באקומען בלויז א טייל פון זיין געהאלט. אין די פריערדיקע יארן, ווען די אמעריקאנער פריינד האבן סיסטעמאטיש געשיקט הילף פאר דער שול, האט דאס געהאלט פון א לערער אויסגעמאכט 50—60 פראצ' פון דעם מינימום. פארן לעצטן לערניאר 1932—33 האט א לערער באקומען אויסגעצאלט בלויז פאר 2½ חודש, ד"ה 20 פראצ' פונם „געהאלט".

און די שול האלט זיך ביז היינט,— ווייל זי איז מיט ענטוזיאזם אויפגעבויט געווארן און מיט מסירת-נפש געפירט געווארן און ווערט געפירט ביז היינט, ווי א מאסן-שול פארן פאלקס-קינד.

ערשט מיט דער אנטשטייונג פון דער יידיש-וועלטלעכער שול האבן פשוטע טאטע-מאמע, — לוין-ארבעטער, באלמעלאכעס און קליינהענדלער—באקומען א נארמאלע שול אויך פאר זייער קינד.

און די שול איז אַרײַנגעוואַקסן אין דער סביבה — דורך עלטערן-פאַרזאַמלונגען, עלטערן־אוידיטאָריעס, פאָרלעזונגען, שמועסן. קינדער־פאַרווײַלונגען, שול־אויסשטעלונגען אד״גל.

די שול־אויסשטעלונגען אין ווילנע, אין 1919, 1923 און 1930; די אויסשט. אין לאָקאַרנאָ, ניצע און פּאַריז, האָבּן הערלעך דעמאָנסטרירט דעם הויכן פּעדאַגאָגישן ניוואָ פון דער יידיש־וועלטלעכער שול, איר אינערלעכן ווערט, די נשמה פון דער שול. די מאַסן באַזוכער פון אונדזערע שול־אויסשטעלונגען האָבּן אין זייער באַוווּסטזיין פאַרקניפּט דעם גורל פון דער יידישער שול מיט דעם רעכט פון מאַסן־קינד אויף אַ נאָרמאַלער בּילדונג און דערציִונג.

ווי אַ שוץ־וואַנט שטייט דער פאָלקסמענטש אין ווילנע אַרום זײַן שול. אויף יעדער נײַער גזירה — און אַזוינע פעלן ניט — ענטפערן אונדזערע עלטערן מיט אַ פאַרשטאַרקטער ענערגישער אַרבּעט פאַר דער שול.

קענען טאַקע די שונאים ניט אײַנבּײַסן די שול.

19 פולע יאָר ציילט שוין די יידישע שול אין ווילנע, 19 יאָר אָן רעכט, אָן מלוכה־מיטלען, — און 19 יאָר פון שעפערישער אַרבּעט.

אין משך פון אָט דער צײַט זײַנען די יידישע שולן שטאַרק אויסגעוואַקסן, זיך פאַרצווײַגט און פאַרוואָרצלט אין יידישן לעבּן.

אין יאָר 1930 האָט די יינגל־שול „מפיצי השכּלה״ געפײַערט איר 15־יאָריקן יובּיליי און בּײַ דער געלעגנהייט אַרויסגעגעבּן אַ ספּעציעלע יובּל־העפט מיט גענויע בּאַריכטן פון דער אַרבּעט, זכרונות און אַרבּעטן פון שילער אד״גל.

הײַער פײַערן זייערע יובּילייען נאָך צוויי שולן פון צ. בּ. ק.: ד. קופּערשטיין־שול — דעם 20־יאָריקן, און די פּרוג־שול — דעם 25־יאָריקן.

צו די פײַערונגען דערשיינען אויך ספּעציעלע יובל־בּיכער. דאָס יובל־בּוך פון דער קופּערשטיין־שול דערשײַנט צוגלײַך מיט דער איצטיקער אויסגאַבּע פון צ. בּ. ק.

טויזנטער אַבּיטוריענטן האָבּן שוין אַלע שולן פון צ. בּ. ק. צעזייט און צעשפּרייט אין דער גאָרער וועלט. אין די עלטערן־קאָמיטעטן זיינען שוין טעטיק מוטערס און פאָטערס — געוועזענע תּלמידים־דות פון אונדזער שול; עס אַרבּעטן אין אונדזערע שולן לערער, וואָס האָבּן אַליין דורכגעמאַכט אונדזער שול פון 6טן לעבּנסיאָר אָן.

און אויבּ די שול האַלט זיך שוין דאָס 20טע יאָר, מאָנט זי הײַנט שטאַרקער ווי ווען־ניט־איז איר חוב בּײַ דער מלוכה. און די שול וועט זיך דערשלאָגן איר רעכט.

אויף איין אָפּשניט פײַערן מיר שוין אונדזער נצחון — די רעאַל־גימנאַזיע האָט בּאַקומען מלוכה־רעכט. איצט דאַרף דערפילט ווערן אונדזער גרויסע פאָדערונג — דער בּודזשעט פון דער שול מוז געדעקט ווערן פון מלוכה־מיטלען.

די עלטערן טראָגן אַרײַן דעם שכר־לימוד פאַר זייערע קינדער. דער קריזיס געדויערט אָבּער אין ווילנע אַ סך לענגער ווי ערגעץ אַנדערשוו: זײַנען דווקא די בּרייטע שיכטן פון דער יידישער בּאַפעלקערונג אַמשטאַרקסטן פון

קריזיס געטראָפן. איז דער שכר-לימוד אַזוי קליין, אַז ער דעקט ניט אַפילו קיין 10 פּראָצ' פון בודזשעט. אויב מע זאָל אָננעמען דעם שכר-לימוד פון לערניאָר 1926/27 פאַר 100 פּראָצ', באַטרעפט דער שכר-לימוד פאַרן לעצטן לערניאָר 1932/33 קוים 22 פּראָצ'. איז טאַקע קיין ווונדער ניט, וואָס עס איז גרויס די נויט צווישן די שול-קינדער, און די פראַגע וועגן באַשפּייזן די קינ־דער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ברענענ־דיק־אַקטועלער פראַגע. די צאָל קינדער, וואָס נייטיקן זיך אין באַשפּייזונג, וואַקסט פון יאָר צו יאָר. אין אייניקע שולן דערגרייכט די צאָל באַשפּייזטע קינדער העכער 50 פּראָצ'.

אין אַלע פאַריקע יאָרן האָט דער צ. ב. ק. באַקומען דורך דער שול־אָר־גאַניזאַציע אין דער פּוילישער רעפּוב־ליק גרעסערע סומעס — דעם חלק פון ווילנער שולוועזן אין אַלע הכנסות פון די ציש"אָ (אַמעריקאַנער געלטער אין דער ערשטער ריי). לעצטנס איז אויך דער מקור פון הכנסה דערפירט געוואָרן ביזן מינימום. אויב מען זאָל אָננעמען די סומעס, וואָס דער צ. ב. ק. האָט אין לערניאָר 1926/27 באַקומען פון דער ציש"אָ, פאַר 100 פּראָצ', מאַכן אויס די סומעס אין לערניאָר 1932/33 קנאַפּע 6 פּראָצ'. בלויז איין פּאָזיציע האָט דער צ. ב. ק. באַדייטנד פאַרגרע־סערט אין פאַרגלייך מיטן לערניאָר 1926/27 — די אָרטיקע זאַמלונגען. די אָרטיקע אַקציעס גיבן אין די לעצטע יאָרן באַדייטנד גרעסערע סומעס, איי־דער אין לערניאָר 1926/27. אַבסאָלוט זיינען אָבער די אָרטיקע זאַמלונגען אַזוי קליין, אַז זיי קענען ניט אַפילו אין דער קלענסטער מאָס דעקן דעם פאַר־לוסט פון די צוויי גרונט־פּאָזיציעס — שכר־לימוד און הכנסות דורך דער ציש"אָ.

איז טאַקע אויסגעצאָלט געוואָרן שכירות די אַנשטאַלטן אין לעצטן לערניאָר 32/33 אַ קנאַפּער 1/4 חלק פון דעם, וואָס אין יאָר 1926/27. און מען טאָר דאָך ניט פאַרגעסן, אַז אויך אין יאָר 1927 האָט דער צ. ב. ק. ניט גע־דעקט דעם געהאַלט פאַר פולע 12 חדשים.

ביי אַזאַ לאַגע איז ניט געווען קיין מעגלעכקייט איינצוהאַלטן די פאַרשול־אַנשטאַלטן — די לעצטע 2 קינדער־גערטנער האָבן זיך געשלאָסן, ווייל עס איז ניט געווען ווי צו צאָלן קיין דירה־געלט.

אין 1931 איז געשלאָסן געוואָרן דורך דער מאַכט דער לערער־סעמינאַר— און ביז היינט האָט זיך נאָך ניט גע־לאָזט דעם סעמינאַר צוריק צו עפענען. דער סעמינאַר האָט אויך געהאַט אַ גרויסן דעפיציט.

די שווערע לאַגע פון די שולן האָט געצוווּנגען דעם צ. ב. ק. צו ווענדן זיך נאָך הילף צו פריינד פון אויסלאַנד. אין יאָר 1930 האָט די ח־טע א. ר אַ ז ע נ ט אַ ל דורכגעפירט אַן אַקציע אין לעט־לאַנד. כאָטש די אַקציע איז געפירט גע־וואָרן אין דער פעריען־צייט, האָבן זיך די לעטלענדישע פריינד פון דער יידיש־וועלטלעכער שול אין ווילנע זיך מאָבי־ליזירט און געשאַפן אַ גרעסערע סומע.

אין יאָר 1931 האָט ח' ש. ב אַ ס ט אַ מ ס ק י דורכגעפירט אַן אַקציע אין ליטע. די רעזולטאַטן פון דער אַקציע האָבן איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. די אומדערמידלעכע אַרבעט פון דעם ח' באַסטאַמסקי, אַלס שליח פון אונדזער

שולוועזן און די סימפּאַטיעס מצד די פֿרײַנד אין ליטע האָבן מיטגעהאָלפֿן דעם דערפֿאָלג פֿון דער אַקציע. איצט, ווען די לאַגע פֿון די ווילער צ. ב. ק.־שולן איז פּשוט אַ פֿאַרצווייפֿלטע, האָבן די פֿריינד אין ליטע ווידעראַמאָל מסכּים געווען מיטצוהעלפֿן דעם שליח פֿון ווילנער שולוועזן, ח׳ ש. באַסטאָמסקי, אין זיין זייער וויכטיקער און פֿאַראַנטוואָרטלעכער שליחות.

דעם 15טן אָקטאָבער ה. י. איז דער מיטגליד פֿון צ. ב. ק. ח׳ חיים פּופּקאָ אַרויסגעפֿאָרן אין שליחות פֿון צ. ב. ק. קיין אַמעריקע, כּדי דורכצופֿירן אַן אַקציע לטובת די ווילנער יידיש־וועלטלעכע שולן צווישן די ווילנער לאַנדסלײַט. אין אַלע יאָרן, זינט דער שולוועזן איז אויפֿגעבויט געוואָרן, האָבן די אַמעריקאַנער פֿרײַנד ניט ווייניק מיטגעהאָלפֿן בײַם אויפֿהאַלטן די שולן.

צום ערשטן מאָל שיקט ווילנער צ. ב. ק. אַרויס, אין הסכּם מיט דער צענטראַלער שול־אָרגאַניזאַציע, איר אייגענעם שליח צו די ווילנער לאַנדסלײַט. ח׳ פּופּקאָ וועט ברענגען פֿאַר די ווילנער אין אַמעריקע אַ לעבעדיקן גרוס פֿון זייער היים־שטאָט, פֿון דער פֿאַראָרעמטער אָבער שאַפֿנדיקער ווילנע, און מיר זײַנען זיכער, אַז די ווילנער לאַנדסלײַט וועלן זיך אָנשליסן אין דער שותּפֿותער אַרבעט פֿון אויפֿהאַלטן דעם שענסטן בנין פֿון דער מאָדערנער יידישער קולטור — דעם צ. ב. ק.־פֿאָלקסשולוועזן אין ווילנע.

מיט אַ באַזונדערער זאָרגעוודיקייט ווערט באַהאַנדלט די פֿראַגע וועגן הייבן די הכנסות אין ווילנע גופֿא. די פֿינאַנץ־קאָמיסיע פֿון צ.ב.ק. האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל צו ווערבירן אַ גרעסערע צאָל מיטגלידער, וואָס טראָגן אַרײַן זייער באַשטײַערונג פֿאַרן גאַנצן לערניאָר פֿאַראַמאָל. הונדערטער פֿרײַנד פֿון דער שול האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז נאָר אויף דעם אופֿן וועט זייער הילף זיין ממשותדיק.

די פֿינאַנץ־קאָמיסיע אַרבעט אומדערמידלעך. אויך מיטגלידער פֿון קאָמיטעט און פּרעזידיום באַטייליקן זיך כּסדר אין דער ווערבירונגס־אַקציע. די אויפֿגאַבע איז אָבער אַזוי גרויס, אַז די איצטיקע צאָל מיטגלידער, וואָס זײַנען אַקטיוו אין דער אַקציע, איז צו קליין. מע מוז באַזוכן הונדערטער מענטשן, וואָס זיינען ביז איצט געשטאַנען אָן אַ זײַט, און אַרויסבאַקומען בײַ זיי אַ יערלעכע באַשטײַערונג פֿאַר דער שול. שטייט טאַקע כּסדר אויפֿן סדר־היום די פֿראַגע וועגן צוציען פֿרײַנד — אַקטיווע טוער אין דער פֿינאַנץ־קאָמיסיע.

אין פֿאַריקן יאָר איז געשאַפֿן געוואָרן אַ נײַע קאָמיסיע — דער קרײַז אַקטיווע מועריגס פֿאַר דער יידישער שול. די אויפֿגאַבע פֿון דער קאָמיסיע איז צו אָרגאַניזירן און דורכצופֿירן אונטערנעמונגען לטובת דער שול. די דערפֿאַרונג פֿון דעם ערשטן יאָר אַרבעט האָט באַוויזן, אַז אויך דאָ איז פֿאַראַן אַ ברייט פֿעלד פֿאַר אַרבעט, און אויך דאָ פֿאָדערן זיך נײַע און איבערגעגעבענע פֿרײַנד.

אין רעזולטאַט פֿון די אָרטיקע אַקציעס איז געשאַפֿן געוואָרן אין לערניאָר 1932—33 אַ סומע, וואָס באַטרעפֿט אַ העלפֿט פֿון דעם שכר־לימוד פֿאַרן גאַנצן יאָר. פֿאַרגלײַכט מען עס מיט דעם רעאַליזירטן בודזשעט, באַקומט זיך, אַז די אָרטיקע הכנסות באַטרעפֿן

16 פּראָצ׳ פון די אַלגעמיינע הכנסות פאַרן יאָר (שכר־לימוד, קהילה, ציש"אָ א״א).

צי איז דאָס גענוג? בשום אופן ניט! דער רעאַליזירטער בודזשעט קען ניט זיין קיין מאָס, ווייל עס איז דאָך אויסגעצאָלט געוואָרן געהאַלט פאַרן גאַנצן לערניאָר 1932—33 סך־הכּל פאַר 2½ חדשים! די אָרטיקע אַקציעס פאַרנעמען אין דעם בודזשעט אַזאַ חשובן אָרט, ווייל אַלע איבעריקע הכנסה־פּאָזיציעס זיינען שרעקלעך איינגעשרומפּן געוואָרן.

און דאָך מוז מען אָנערקענען, אַז די רעזולטאַטן פון דער אָרטיקער אַקציע זיינען באַפרידיקנדיקע. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ גוטע התחלה. אין דער פינאַנץ־קאָמיסיע מוז מען צוציען צו דער אַרבעט די אַלע, וואָס ווילן אויפריכטיק און ממשותדיק העלפן דעם צ. ב. ק. אין דער אַרבעט לטובת דער שול. די איינציקע הונדערט מיטגלידער, וואָס טראָגן אַריין זייער יערלעכע באַשטייערונג פאַראַמאָל, דאָס זיינען שוין געוווּנענע פריינד. עס איז נאָך פאַראַן אַ גרויסע ווילנע, — און דער צ. ב. ק. מעג זיך פאַרמעסטן צו ווערבירן טויזנטער נייע שטייער־צאָלער.

היינט געהערן צום צ. ב. ק. 7 פאָלקסשולן, די רעאַל־גימנאַזיע, די קינדער־ביבליאָטעק. אין די ראַיאָניקע שולן מערקט זיך אַ דערפרייענדיקע דערשיינונג פון וואַקסן! דינענזאָן־שול, וואָס באַדינט דעם שניפּישקער ראַיאָן, איז אויסגעוואַקסן ביז צו דער מדרגה פון אַ 5־קלאַסיקער שול; שלום־עליכם־שול — אין נאָוואָגראָדער ראַיאָן — האָט היינט נאָרמאַלע 6 קלאַסן.

די אַנשטאַלטן פון צ.ב.ק.:

1) פלאָקסשול ביי דער רעאַל־גימנאַזיע (רודניצקער 6)—5 גרונט־קלאַסן.

2) פאָלקסשול י. דינעזאָן (כאַצימסקע, געוו. כיווינער 1) — 5 גר.־קל.

3) פאָקסשול שלום־עליכם (שעפּטיצקע 10) — 6 גר.־קל., 1 פּאַראַל.

4) פאָלקסשול ש. פרוג (באַקשט 8)— 8 גר.־קל., 2 פּאַראַל.

5) פאָלקסשול ד. קופּערשטיין (באַזיליאַנער 4) — 8 גר.־קל., 1 פּאַראַל.

6) פאָלקסשול ל. גורוויטש (אָרזשעשקאָ 7, הויף פון קהילה) 7 גר.־קל. 2 פּאַראַלעלע *.

7) פאָלקסשול „מפיצי השכלה" (גרויס פּאָהולאַנקע 23) — 7 גר.־קל.

8) מאַטעמאַטיש - נאַטורוויסנשאַפטלעכע (רעאַל)־גימנאַזיע (רודניצקער 6)— 8 גר.־קלאַסן.

9) קינדער־ביבליאָטעק (זאַוואַלנע 28).

בס״ה לערנען זיך אין אונדזערע שולן 2183 תּלמידים־ות, אין דעם 714 יינגלעך (32,24 פּראָצ׳) און 1469 מיידלעך (67,76 פּראָצ׳).

וועלכע שיכטן שיקן זייערע קינדער אין די פאָלקסשולן פון צ. ב. ק.?

אויף דער אַלגעמיינער צאָל 1994 זיינען פאַראַן 505 (25,32 פּראָצ׳) לוינאַרבעטער, 166 (8,33 פּראָצ׳) אָנגעשטעלטע; פורמאַנעס, טרעגער — 55 (2,76 פּראָצ׳), באַלמעלאָכעס — 706 (35,4 פּראָצ׳), קליינהענדלער — 343 (17,21 פּראָצ׳), פרייע פּראָפעסיעס — 71, (3,56 פּראָצ׳), פאַרשיידענע (אַבסאָלוט דעקלאַסירטע, וואָס לאָזן זיך ניט אַרונטערפירן אונטער קיין רובריק) 148 (7,42 פּראָצ׳).

* ספּעציעלע קלאַסן פאַר אָפּגעשטאַנענע קינדער.

פון די אַנגעגעבענע ציפערן איז צו זען, אַז אַ 1/3 פון אַלע עלטערן, וואָס שיקן זייערע קינדער אין די פאָלקס־שולן פון צ. ב. ק., לעבט פון אַרבעט ביי יענעם; די צאָל באַלמעלאָכעס און קליינהענדלער איז העכער 50 פּראָצ'.

אין אַלע אַנשטאַלטן פון צ. ב. ק. אַר־בעטן 99 לערער־ינס. די צאָל לערער (מענער) באַטרעפט 43, ד"ה העכער 43 פּראָצ' פון דער אַלגעמיינער צאָל.

11 לערער־ינס פון אונדזערע פאָלקס־שולן האָבן פאַרענדיקט דעם ווילנער יידישן לערער־סעמינאַר (געשלאָסן דורך דער מאַכט אין 1931). דאָס רוב פון זיי האָבן זיך אַליין געלערנט אין אונד־זערע פאָלקסשולן פון ערשטן לערניאָר אָן. 5 פון אונדזערע לערער זיינען אוועק אַרבעטן אין די שולן נאָכן פאַרענדיקן די מאַטעמאַטיש - נאַטורוויסנשאַפטלע־כע (רעאַל־) גימנאַזיע. איינער פון זיי איז אַליין איצט אַ לערער פון מאַטע־מאַטיק און פיזיק אין די העכערע קלאַסן פון דער רעאַל־גימנאַזיע. העכער 58 האָבן אַ ספּעציעלע לערער־אויסבילדונג, 10 לערער באַזיצן העכערע בילדונג.

בלויז 8 לערער אַרבעטן אין די שולן אונטער 5 יאָר, אַלע איבעריקע זיינען מיט אַ העכערן סטאַזש, אַרבעטן אין אונדזערע שולן אין משך פון אַ לענגע־רער צאָל יאָרן.

דאָס גייסטיק - אָפּגעשטאַנענע קינד האָט אין דער שול פאַר נאָרמאַלע קינ־דער ניט געקענט באַקומען דאָס, וואָס אים קומט. די פראַגע וועגן בילדן אַ ספּעציעלע שול איז יאָרנלאַנג געשטאַ־נען אויפן סדר־היום. לעצטנס האָט דער צ. ב. ק. מיטגעווירקט, אַז עס זאָלן געעפנט ווערן דערווייל 2 ספּעציעלע קלאַסן — ביי דער ל. גורוויטש־שול.

איצט איז לעגאַליזירט געוואָרן אַ גע־זעלשאַפט פאַר היילדערציִונג, און די געזעלשאַפט וועט שוין פאַרווירקלעכן דאָס אויסבויען אַ ספּעציעלע שול פאַר גייסטיק־אָפּגעשטאַנענע קינדער.

יאָר־איין, יאָר־אויס, שוין דאָס 7טע מאָל, בויט די עלטערנשאַפט ביי דער יידיש־וועלטלעכער שול די זומער־קאָ־לאָניע. כמעט אָן מיטלען פון אויסן, מיט אַן אויסערגעוויינלעכער עקשנות און איבערגעגעבנקייט, ווערט געבויט די זומער־קאָלאָניע ביים צ. ב. ק. העכער 200 קינדער פון די ענגע און נאַסע דירות — פאַרברענגען דעם זומער אויף דער פרישער לופט.

און ס'איז באמת אַן איבעריקער באַווייז פון דעם אינערלעכן כח, וואָס שטעקט אין דער יידישער שול און אירע בויער, ווען דווקא אין דער שווער־סטער צייט האָט זיך געשטעלט אויפן סדר־היום די פראַגע וועגן אַן אייגענעם בנין פאַר דער זומער־קאָלאָניע.

אין די פריקן יאָרן, ווען די פינאַנ־ציעלע לאַגע פון צ. ב. ק. איז געווען ניט אַזאַ שווערע, זיינען סיסטעמאַטיש איינ־געאָרדנט געוואָרן פאָרלעזונגען פאַר על־טערן; עס איז אַנגעפירט געוואָרן די עלטערן־אוידיטאָריע. אָט די פאָרלעזונ־גען האָבן געשאַפן די נאַטירלעכע פאַר־בינדונג צווישן שול און היים. דאָ זיינען באַהאַנדלט געוואָרן פראַגן פון שול־לעבן, אַזוי למשל:

„דער תכלית פון אונדזערע קינדער", „די הומאַניטאַרע ראָלע פון דער יידי־שער שול", „וועגן וואָס און ווי אַזוי עס שרייבן אונדזערע שול־קינ־

דער״ א״א. די פּאַרלעזונגען האָבן גע־
האַלטן די לערער פון די שולן.

יאָר־איין, יאָר־אויס אָרדנט איין דער צ. ב. ק. אַרויסטרעטונגען פון די שול־קינדער אויף ספּעציעלע שול־פּרימאַרגנס. עס טרעט אַרויס דער פּאַרייניקטער שול־כאָר פון איבער 300 קינדער; אין פּראָגראַם גייען אַריין אינסצעניזאַציעס פון פאָלקס־לידער, אויסגעפירט דורך די קינדער, ריטמישע טענץ, גימנאַסטיק, דעקלאַמאַציעס. אויך אין לעצטן שול־יאָר 1932—33 זיינען פאָרגעקומען אַזוינע 2 גרויסע קינדער־אַרויסטרעטונ־גען.

אין דער שול גופא גייט אַן אינטענ־סיווע פּעדאַגאָגישע אַרבעט, וואָס ווערט ניט אָפּגעשוואַכט, כאָטש עס איז אַזוי שווער. דווקא איצט וואַקסן אויס פאַרן לערער נייע פראַגן, נייע שוועריקייטן, וואָס מע מוז גובר זיין, כּדי די קינ־דער זאָלן באַקומען אין דער שול די גע־העריקע דערציִונג און בילדונג. ניט יע־דעם קינד האָט אַלע נייטיקע לערנבי־כער, אַ סך קינדער קענען זיך ניט פאַר־גינען דעם „לוקסוס״ צו האָבן אַ העפט אויף יעדן לימוד, — און דער לערער זוכט אַן עצה, כּדי דאָס פאָלקס־קינד, וואָס פאַרברענגט אין דער פאָלקסשול געציילטע יאָרן, זאָל זיינס באַקומען. און דעם לערער גיט זיך איין צו לייזן אויך אָט די אויפגאַבע נאָר אַדאַנק דער אומדערמידלעכער אַרבעט. אַזוי, למשל, האָט דער פּעדאַגאָגישער ראַט פון דער ל. גורוויטש־שול צום סוף פון דעם לעצטן לערניאָר, אין יוני 1933, דורכ־געפירט אַ סך־הכּל פאַר דעם יאָר אַר־בעט. מע האָט צונויפגעקליבן די קינ־דערשע העפטן, זייערע צייכענונגען, די אַרבעטן אויף געשיכטע, געאָגראַפיע, — און איינגעאָרדנט אַ באַשיידענע אויס־שטעלונג אין אייגענעם לאָקאַל, פאַר עלטערן פון די קינדער און פאַר חברים לערער.

און די צונויפגעזאַמלטע קינדערשע שאַפונגען האָבן עדות געזאָגט וועגן דער ערנסטער און אָנגעשטרענגטער אַרבעט אין אַלע קלאַסן פון דער שול אויף אַלע לימודים אין משך פון אַ יאָר צייט.

די אַלע, וואָס האָבן באַזוכט די אויס־שטעלונג, האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו זען, וואָס און ווי אַזוי עס ווערט געלערנט אין אונדזער שול.

אַ צווייטע שול זאַמלט מאַטעריאַלן און גרייט זיך צו אַן אויסשטעלונג אין צוזאַמענהאַנג מיטן 20־יאָריקן יובל.

און אַזוי אין אַלע שולן פון צ. ב. ק. אָפט ווערן איינגעאָרדנט עלטערן־פאַר־זאַמלונגען, ווו דער פאַרוואַלטער און די לערער דערציילן וועגן דעם שול־לעבן; דער שול־דאָקטאָר לערנט ווי צו פאַרהיטן דאָס געזונט פונם קינד. נאָך אָפטער קומען פאַר קלאַסן־פאַרזאַמלונ־גען, ווו דער קלאַסן־לערער־ין רעדט אַרום מיט יעדן טאַטע־מאַמע וועגן די פּעולות פון זייער קינד.

אין די שולן פון צ. ב. ק. אין ווילנע לערנען זיך העכער 2 טויזנט קינדער.

און אָט דער גאַנצער בנין שטייט אויפן ראַנד פון אונטערגאַנג!

עס איז ניט די שולד פון די על־טערן, וואָס זיי זיינען ניט בכּח אַריינ־צוטראָגן דעם געהעריקן שכר־לימוד — ווילנע איז דאָך אַזוי פאַראָרעמט גע־



קינדער פון די צ. ב. ק.־שולן באזוכן דעם קבר פון א. ווייטער.

וואָרן, און די ברייטסטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג זייַנען אַמ־ווייטאָקדיקסטן געטראָפן געוואָרן פון ד'עם מוראדיקן קריזיס.

עס איז אויך ניט די שולד פון די שול־טוער, פון די לערער אַוודאי ניט, אויב די מלוכה דערפילט נאָך ניט איר חוב לגבי דער שול און דעקט ניט איר בודזשעט.

ביי דעם אַלעם בלייַבט דאָך דאָס רעכט פון דעם יידישן קינד צו האָבן פאַר זיך זייַן שול!

און אָט וועגן אויסהאַלטן אָט די שול גייט עס!

די שול מאָנט ביי יעדן פרייַנד — בלייַבט ניט שטיין אָן אַ זייַט! פאַר־וואַנדלט אייערע סימפּאַטיעס אין מעשים!

און טאָן עפּעס וויכטיקס פאַר דער שול אין איר הייַנטיקן מצב — הייסט אַרייַנטראָגן לטובת דער שול די ווייַט גרעסטע באַשטייַערונג!

מ. יפה

פאַרוואַלטער מיט ד
ענינים פון צ. ב. ק.

יידישע רעאל־גימנאזיע

פון צ. ב. ק. אין ווילנע

מיט רעכט פון מלוכה־גימנאזיעס.
ווילנע, רודניצקער 6.

די יידישע רעאל־גימנאזיע אין ווילנע (מאטעמאטיש - נאטורוויסנשאפטלעכע גימנאזיע ביים צ. ב. ק. אין ווילנע) טרעט אריין צום נייעם לערניאר 1933/34 אין זעכצנטן יאר פון איר עקסיסטענץ. פאר דער צייט האט זי זיך קונה־שם געווען אלס מוסטערהאפטע מיטלשול, וועלכע באפרידיקט פולקום די אלגעמיינע פאדערונגען פון דער מלוכה־פראגראם און שטרעבט אין דער זעלבער צייט צו געבן אירע תלמידים א געזונטע וועלטלעכע און צוגלייך א פאלקסטימלעך - נאציאנאלע דערציִונג.

לייגנדיק די גרעסטע אכט אויף די דערציערישע מאמענטן, זוכט אונדזער מיטלשול אויפצוּוועקן ביי דער יוגנט אלע אירע שעפערישע כּוחות און באנאבונגען און איינפלאנצן ביי איר ליבע צו ארבעט. אויפגעהאדעוועט אויף די ווערטפולסטע אוצרות פון אלגעמיין - מענטשלעכער און יידישער נאציאנאלער קולטור, באקומען די תלמידים אין דער גימנאזיע גרינדלעכע ידיעות אין דער יידישער שפראך, ליטעראטור, תנ"ך, העברעיִש, געשיכטע פון יידישן פאלק און זיין מאדערנער קולטור. די פרינציפן פון דער מאדערנער פעדאגאגיק ווערן רעאליזירט דורך דער גימנאזיע אין א ברייטער מאס. שילער ווערן צוגעצויגן צו זעלבשטענדיקע ארבעטן אויף אלע לימודים. א ספּעציעלער שטודיר־צימער און די ביבליאטעק ביי דער גימנאזיע באזארגן די תלמידים מיט אלע נייטיקע לעקטור־ און הילפסביכער אויף יידיש, העברעיִש, פויליש און דייטש.

א באדייטנדיקע ראל אין לעבן פון דער שול שפילט דער שילער־קלוב. די שילער ארדנען איין אפטע פארשטעלונגען, פארווייַלונגען, פארלעזונגען, עקסקורסיעס.

וועגן דעם הויכן פעדאגאגישן ניוואָ פון דער גימנאזיע זאגן עדות די וויזיטאציע־באריכטן פון דער שול־מאכט פאר די לעצטע יארן.

אויך אונדזערע שריפטשטעלער און קולטור־טוער רופן זיך אפּ מיט דער גרעסטער אנערקענונג וועגן דער גימנאזיע. אזוי שרייבט אברהם רייזען אין באזוכער־בוך: „געוועזן ביי אייך, געזען,



אויף אַ לעקציע פון מוזיק אין VI קלאַס רעאַל־גימנאַזיע.

200.000 פון שלום־עליכם, אויסגעפירט פון דעם קרײַז בײַ דער רעאַל־גימנאַזיע.

געהערט און בין באַגייסטערט געוואָרן פאַר נייַע שאַפונגען. דאָס גרעסטע שאַ־פונג אָבער פון דעם יידישן פיטן איז דערווייל די רעאַל־גימנאַזיע אין ווילנע. איך געפין ניט דאָס ריכטיק וואָרט צו באַצייכענען איר באַדייטונג פאַרן יידישן פאָלק, פאַר דער נייַער קולטור״.

ד״ר האָפמאַן (צביון): „איך האָב געזען אין דער יידישער רעאַל־גימנאַזיע אין ווילנע דאָס שענסטע און דאָס בעס־טע פון דעם יידישן לעבן אין אייראָפע. איך האָב געפילט דאָס גרעסטע גייס־טיק פאַרגעניגן אין מיין לעבן, ווען איך האָב באַזוכט די קלאַסן און בייגעוועזן דעם אונטערריכט אין פאַרשיידענע לימודים״.

פּראָפ׳ ראָבאַק: „די רעאַל־גימנאַזיע איז איינס פון די וווּנדער, וואָס איך האָב געזען אין אייראָפע. אַזאַ ערנסט־קייט, אַזאַ פעיקייט זיך אויסצודריקן אין יידיש מצד די קלענערע תּלמידים אפילו, אַזאַ התמדה באַגעגנט מען ניט אין די אַמעריקאַנער גימנאַזיעס״.

ד״ר י. שיפּער: „אַ סך אַזעלכע גימ־נאַזיעס — און די יידישע ליטעראַטור און וויסנשאַפט וועלן האָבן אַ פעסטן באָדן אונטער די פיס״.

נאָך צענדליקער באַקאַנטע שריפט־שטעלער און כּלל־טוער האָבן באַזוכט די רעאַל־גימנאַזיע און אַריינגעשריבן אין באַזוכער־בוך זייערע לויב־אָפּרופן. צווישן זיי: שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג, וו. מעדעם, נח פּרילוצקי, מ. זילבער־פאַרב, ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, וו. לאַצקי־בערטאָלדי, זרובבל, י. י. זינגער, ז. ווייַנ־פער, פּיניע קאַץ, י. נ. שטיינבערג, י. ל. כּהן, י. באַטאָשאַנסקי, ש. ניגער און אַנדערע.

אין יוני 1933 האָט די גימ־נאַזיע באַקומען מלוכה־רעכט (בריוו פון בילדונגס־מיניס־טעריום פון 12 יוני 1933, ס. 2 3367/33).

סוף לערניאָר 1933/34 וועלן אין דער גימנאַזיע דורכגעפירט ווערן די ערשטע מאַטורעלע עקזאַמענס אין דער יידישער שפּראַך. ביי דער זעלבער עקזאַמיניר־קאָמיסיע וועלן קענען האַלטן עקזאַ־מענס אויך אַלע אַבסאָלווענטן פון די פריערדיקע אַרויסלאָזן.

ביי דער גימנאַזיע איז טעטיק אַ 5־קלאַסיקע פאָלקסשול (5 צוגרייטונגס־קלאַסן). אין ערשטן צוגרייטונג־קלאַס ווערן אָנגענומען שילער פון 6 יאָר אָן אָן אַ צוגרייטונג. די לימודים אין דער פאָלקסשול ווערן געפירט לויט דער פּו־לער פּראָגראַם פון די מלוכישע פאָלקס־שולן.

ל. טורבאָוויטש,
דירעקטאָר פון דער גימנאַזיע.

...איך בין ניט קיין מענטש, וואָס ווערט גרינג נתפּעל. אָבער איך מוז זיך מודה זיין: איך בין אַרויס פון דער שול אָן ווערטער. אַ יידישע מיטלשול מיט דער יידישער אונטערריכט־שפּראַך ווי אַ וויַיטער חלום — קוים צו פאַרווירקלעכן — איז דאָס געשטאַנען פאַר אונדזערע אויגן נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק, און דאָ זע איך דאָס פאַר מיר אין אַ שיינער אייראָפּעיִשער פאָרם, אויף דער הייך פון אַ מאָדערנער שול — אַ געשעענער פאַקט, אַ לעבעדיקער בייַשפּיל, און אי־בערציַיגנדיקער באַווייַז.

וולאַדימיר מעדעם (1920)

8-קלאַסיקע פֿאָלקסשול א. נ. פֿון „ש. פרוג".

די שול אויפֿן נאָמען „ש. פרוג" איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1908 דורך דער געזעלשאַפֿט „קינדער־פֿאַרזאָרגונג" אַלס אַ 4-קל. מיידל־שול.

דאָס עפֿענען אַ געזעלשאַפֿטלעכע שול אין ווילנע אין די צאַרישע צײַטן איז געווען זייער אַ וויכטיקער אויפֿטו אויפֿן געביט פֿון פֿאָלקסבילדונג.

צום סוף פֿון ערשטן לערניאָר צײלט שוין די שול 345 קינדער בײַ 12 לערער.

די שול ווערט גוט אַוועקגעשטעלט און אַדאַנק דעם ווערט זי זייער פּאָפּולער צווישן דער יידישער באַפֿעלקערונג. ס'ווערן געעפֿנט פּאַראַלעלע קלאַסן, וועלכע זיינען אָבער אויך ניט אימשטאַנד אַרײַנצונעמען אַלע קאַנדידאַטינס.

דער אויסברוך פֿון דער מלחמה האָט אויף אַ געוויסער צייט אָפּגעשטעלט דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פֿון דער שול צוליבן מאַנגל אין מיטלען איז פֿאַרקירצט געוואָרן די צאָל קלאַסן. בײַ דער עוואַקואַציע פֿון ווילנע זיינען אַ טייל לערער און אויך דער פֿאַרוואַלטער א. ריוועסמאַן אָפּגעפֿאָרן קיין רוסלאַנד.

די איבערגעבליבענע לערער און שול־מוער האָבן זיך ענערגיש גענומען צו דער אַרבעט, און זיי איז געלונגען איינצוהאַלטן די אַנשטאַלט.

דעם דערפֿאָלג פֿון דער שול אין דער אָקופּאַציע־צײַט האָט אַ סך מיטגעהאָלפֿן די באַוווּסטע שול־טוערין העלענע כאַצקעלס.

אין משך פֿון די אָקופּאַציע־יאָרן האָט בײַ דער שול פֿונקציאָנירט אַ קיך, וועלכע האָט פֿאַרזאָרגט מיט שפּײַז די נויטבאַדערפֿטיקע שילערינס.

אין יאָר 1917 ווערט יידיש די אונטעריכט־שפּראַך פֿון דער שול. פֿון דער צײַט הייבט זיך איבעראַנייס אָן דער וווּקס פֿון דער שול. אין יאָר 1919 איז די שול צוגלײַך מיט אַלע אַנדערע יידיש־וועלטלעכע שולן אַריבער אונטער דער פּעדאַגאָגישער אָנפֿירונג פֿון צ. ב. ק. אין דעם זעלבן יאָר ווערט געעפֿנט בײַ דער שול אַן 7טער קלאַס פֿאַר די שילערינס, וואָס ווילן זיך לערנען ווײַטער. אין יאָר 1922 ווערט די שול פֿאַרוואַנדלט אין אַן 8-קלאַסיקע. דער בוי פֿון דער שול איז פֿאַרענדיקט, און די גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט ווערט געלייגט אויף דער אינעווייניקסטער אַרבעט.

בײַ הײַנטיקן טאָג האָט די שול 11 קלאַסן מיט 450 קינדער בײַ אַ לערער־פּערסאָנאַל פֿון 17 פּערזאָן.

די קינדער, וואָס באַזוכן די שול רעקרוטירן זיך פֿון די אָרעמערע שיכטן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין ווילנע.

בײַ דער שול איז טעטיק אַ שילער־קלוב, וואָס אַרבעט רעגולער 3 מאָל אין וואָך אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אַ לערער. בײַם קלוב עקסיסטירט אויך אַן אַרבעטסצימער, ווו קינדער, וועלכע

11. IX. 1933
„ש. פרוג"-שול

האבן ניט קיין לערנביכער אדער קיין מעגלעכקייט אין דער היים בכלל צו ארבעטן צוליב די שווערע וווינונגס-באדינגונגען, קענען צוגרייטן די לעקציעס. (דער ארבעטס-צימער איז באזארגט מיט אלע לערנביכער, וואס ווערן באנוצט אין דער שול).

אויך דער שילער-קאאפעראטיוו, וואס איז ארגאניזירט ביי דער שול, אנטווילט זיך זייער גוט. ער האט געוווּנען דעם צוטרוי פון די יונגינקע קאנסומענטן און זיין אומזאץ האלט אין איין וואקסן. צום וויכטיקסטן איז אבער דאס, וואס די קינדער פירן אים כמעט אליין.

ביי דער שול איז אויך ארגאניזירט א מאנדאלין-ארקעסטער, א דראמאטישער קרייז. ס'קומען פאר אפטע ארויסטרעטונגען אויף שול-יום-טובים, עלטערן-פארזאמלונגען, וועלכע פארשאפן סיי די קינדער, סיי די עלטערן פיל פרייד.

ס'זיינען געווען אין לעבן פון דער שול פאר די לעצטע יארן אייניקע זייער שווערע מאמענטן, וואס האבן באדראט דעם עצם קיום פון דער שול.

ביי אונדז אלעמען איז נאך פריש אין זכרון דאס פלוצלונגדיקע שליסן דורך דער שול-מאכט די „פרוג-שול" אין מאי 1931, וואס איז פארגעקומען גלייכצייטיק מיטן צומאכן דעם איינציקן יידישן לערער-סעמינאר.

די דאזיקע גזירה האט ארויסגערופן א כוואליע פון פראטעסטן מצד דער יידישער באפעלקערונג און ס'איז געלונגען די שול אפצוראטעווען.

היינטיקס לערניאר איז פאר דער ש. פרוג-שול א יובל-יאר. אין אווגוסט מאנאט איז די שול אלט געווארן 25 יאר.

ח. פופקא.
פארוואלטער פון דער שול.



8־קל. פאלקסשול א. נ. פון „ד. קופערשטייז".

אין יאר 1912 איז די באריםטע בלינדע ליכט - פארשפרייטערין דבורה קופערשטיין געקומען קיין ווילנע און לויט דעם אויפטראג פון פעטערבורגער קאמיטעט פון דעם חברה „מפיצי השכלה" געגרינדעט א מאדערנע פאלקסשול פאר קינדער פון די ארעמע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג.

ד. קופערשטיין האט פארזייט אויף אונדזער באדן א זאפטיק קערנדל, פון וועלכן ס'איז אויסגעוואקסן א פרעכטיק־בליענדיקער בוים. פון א קליינער 4־קלאסיקער עלעמענטאר־שול איז שפעטער אויסגעוואקסן א גרויסע, נארמאלע 8־קלאסיקע שול. ניט אזוי שנעל און ניט אזוי לייכט איז דאס פארגעקומען. לכתחילה האבן זיך געעפנט 2 לערניארן מיט 3 אפטיילונגען און 180 קינדער. די צאל קינדער־קאנדידאטן איז געשטיגן אין די הונדערטער, אבער צוליב מאנגל אין ערטער פלעגט מען הונדערטער קינדער אפזאגן צו פארשרייבן.

אין יאר 1916 האט מען געפייערט דעם סיום פון ערשטן ארויסלאז פון דער 4־קלאסיקער שול, אבער אין 1918 ווערט, לויט דער פאדערונג פון די קינדער און עלטערן, געעפנט א 5טער לערניאר, און אין יאר 1921 — א 6טער לערניאר; (לויטן באשלוס פון ערשטן שול־צוזאמענפאר האט מען זיך דאן אריענטירט אויף א 6־קלאסיקן טיפ פון א פאלקסשול). אבער צו דער זעלבער צייט איז די שול געוואקסן אין דער ברייט. די ערשטע פיר לערניארן האבן שטענדיק געהאט צו פאראלעלע אפטיילונגען און דער ערשטער קלאס אפילו 3 פאראלעלע אפטיילונגען. די צאל קינדער אין דער שול האט דערגרייכט ביז 420.

מיט דער אויסברייטערונג פון דער שול־נעץ פון צ. ב. ק., וועלכער האט אין די יארן 1921־22 געעפנט שולן אין פארשיידענע ראיאנען פון שטאט, איז די צאל קינדער אין קופערשטיין־שול עטוואס פארקלענערט געווארן, אבער צו דער זעלבער צייט האט זיך געשטארקט דער דראנג צו פארגרעסערן די צאל לערניארן. אזוי ארום האט זיך אין יאר 1925 געעפנט א 7טער, און אין יאר 1928 אן 8טער לערניאר. דערמיט איז דער אויסבוי פון דער שול געווען פארענדיקט, און די פעדאגאגישע אנפירונג פון דער שול ווענדעט איר גאנצע אויפמערקזאמקייט אויף דער בארייכערונג פונם פראגראם און פארפולקומונג פון דער דידאקטישער און דערציערישער ארבעט.

די קופערשטיין־שול געהערט צו די געציילטע שולן, וועלכע האט נאך אין די פינצטערע צייטן פון רוסישן צאריזם איינגעפירט אומלעגאל די יידישע שפראך אלס לימוד און טיילווייז אלס אונטעריכט־שפראך.

1933

די שול, ווי אַלע שולן פון צ. ב. ס. שטרעבט צו געבן די קינדער אַ הור־מאַניטאַרע ייִדיש־וועלטלעכע דערציִונג און באַוואָפנט זיי מיט אַלע קענטענישן, וועלכע זיינען נייטיק צום ווײַטערדיקן לעבן אין דער ייִדישער סביבה. פון די ייִדישע לימודים ווערט אָפּגעגעבן דער בכבודיקסטער אָרט דער ייִדישער ליטעראַטור און ייִדישער געשיכטע. אויך איז אין 8טן קלאַס אײַנגעפירט אַ סיסטעמאַטישער קורס פון ייִדישער דעמאָגראַפיע.

זייער פיל אַכט ווערט געלייגט אויף פאַרשיידענע פאָרמען פון האַנטאַרבעט, וועלכע גיט די קינדער די געהעריקע צוגרייטונג צו אַ העכערער שטופע פון פאַך־אויסבילדונג. יאָרנלאַנג האָט די שול אַרענדירט אַ גרויסן גאָרטן, אויף וועלכן ס'האָט זיך געפירט אַ סיסטעמאַטישע אַרבעט מיט די קינדער. אַזוי אַרום נוצט אויס די שול אַלע מעגלעכקייטן אויף אײַנצופלאַנצן בײַ די קינדער אַ צוגעבונדנקייט צו אַ פּראָדוקטיוון אַרט לעבן.

די עלטערן־מאַסע פון דער שול געהערט דורכויס צו די אַרבעטנדיקע שיכטן. פון די 361 קינדער, וואָס די שול פאַרמאָגט, רעכענען זיך: אַרבעטער — 76, אָנגעשטעלטע — 25, האַנטווערקער — 183, קליינהענדלער — 77. אַזוי אַרום מאַכט אויס די צאָל האַנטווערקער 50 פּראָצ', די צאָל אַרבעטער און אָנגעשטעלטע 28 פּראָצ', די צאָל קליינהענדלער 22 פּראָצ'.

דאָס זײַנען בכלל די שיכטן, וועלכע האָבן אין משך פון יאָרן אַרויסגעוויזן זייער טרײַקייט צו דער ייִדישער שול.

די צאָל אַרבעטסלאָזע עלטערן דערגרייכט 150, דעריבער איז כמעט אַ העלפט קינדער באַפרײַט פון שכר־לימוד. פון דער באַשפּײַזונג געניסט אויך 50 פּראָצ' פון דער אַלגעמיינער צאָל קינדער. בײַ דער שול פונקציאָנירט אַ קיך, וועלכע ווערט אָנגעפירט פון די לערער גופא.

אין דער קופּערשטיין־שול האָט זיך אין די בעסערע יאָרן אײַנגעשטעלט אַ שיינע טראַדיציע; די מער פאַרמעגלעכע עלטערן פלעגן אַרײַנטראָגן אַ שכר־לימוד, וואָס האָט מיט 50 פּראָצ' אַריבערגעשטײַגט די געוויינטלעכע נאָרמע; די דאָזיקע נאָרמע פלעגט באַטרעפן 10 גילדן אַ חודש, און זיי פלעגן צאָלן 15 גילדן. אויף אַזאַ אופן פלעגט מען העלפן דעם אַרבעטסלאָזן אָדער סתם גערדריקטן פאָטער. דער קריזיס און די אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע ירידה האָבן געמאַכט אַ תל פון דער באמת חברישער טראַדיציע. אויף וויפיל דער שכר־לימוד איז הײַנט צו טאָג געפאַלן, קען מען זען פון דער קליינער טאַבעלע:

אין יאָר 1926 פלעגט אַרײַנפליסן מאָנאַטלעך 1240 גילדן, אין 1929 — 750 ג., אין 1932 — 373 ג., אין 1933 — 301 גילדן.

אַזוי ווי אין דער שול זײַנען טעטיק 14 לערער, און אַזוי ווי דער שכר־לימוד איז געבליבן כמעט דער איינציקער „זיכערער" מיטל פאַר דער עקסיסטענץ פון דער שול, קען מען זיך לײַכט פאָרשטעלן דעם קאַטאַסטראָפאַלן מצב, צו וועלכן אונדזער לערערשאַפט איז דערגאַנגען.

דער עלטערן־קאָמיטעט באַמיט זיך צו באַהערשן די לאַגע, איינאָרדנענדיק

פון צייט צו צייַט אונטערנעמונגען, ווי למשל, לאָטערייען, אָוונטן.

צו הילף דעם עלטערן־קאָמיטעט אין וויַנע אַקציעס קומט דער שול־קאָמיטעט, וועלכער האָט איַינגעפירט א ספּעציעלע באַשטיַיערונג פאַר דער שול. אין די פריערדיקע יאָרן פלעגט די באַשטיַיערונג אויסמאַכן ביז 200 גילדן א חודש. ווען ס'האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן די „נייע" קהילה, האָט זי אָנגעהויבן צו אַגיטירן קעגן די לאָקאַלע באַשטיַיערונגען, צוזאָגנדיק, אַז זי וועט סובסידירן אין א ברייטער מאָס די שולן. אירע הבטחות אָבער דערפילט די קהילה זייער שלעכט, און די באַשטיַיערונג פון שול־קאָמיטעט האָט זי צעשעדיקט.

דער שול-קאָמיטעט האָט מיטגעהאָלפן דער באַרייַכערונג פון דער שול־ביבליאָטעק, וועלכע באַשטייט פון 600 יידישע און 200 פּוילישע ביכער. דער שול־קאָמיטעט באַשטייט פון פריינד און סימפּאַטיקער פון דער שול, וועלכע האָבן פאַר איר געאַרבעט נאָך פאַר די צייַטן פון דער דייַטשישער אָקופּאַציע. אויסערדעם גייען אַריַין אין ק־ט אייניקע אַביטוריענטינס פון דער שול.

ביַי דער שול האָט זיך אָרגאַניזירט אַן אַביטוריענטן - פאַרבאַנד, וועלכער העלפט דער שול ביַי פאַרשיידענע אונטערנעמונגען און ביַי פאַרשריַיבן נייַע קינדער. א באַזונדערס געלונגענע אַקציע האָבן דורכגעפירט די אַביטוריענטינס צוזאַמען מיט די עלטערן, בעת מע האָט אין דעם זעלביקן הויז, ווו ס'געפינט זיך אונדזער שול, אויף די זעלביקע טרעפּ, אַריַינגעזעצט א שבתובקע. די שול האָט באַשלאָסן אַלס ענטפער אויף דעם אַטענטאַט צו עפענען פון דאָס ניַי פּאַראַלעלע קלאַסן. אין פרילינג פון יאָר 1931 האָט מען פאַרשריבן אַזוי פיל נייַע קינדער, אַז מע האָט געמוזט עפענען א צווייטן ערשטן קלאַס. דערמיט האָט מען צעשלאָגן די אינטריגעס פון אונדזערע שונאים, וועלכע לויערן אויף דעם לאָקאַל פון דער שול. אַדאַנק די באַמיִונגען פון ד"ר שאַבאַד און ד"ר ראַפּעס איז דער לאָקאַל פון דער שול גערעטעוועט געוואָרן.

איצט פיַיערט די שול איר 20־יאָריקן יובל, צו וועלכן עס ווערט פאַרטיק א זאַמלבוך מיט א ביאָגראַפיע פון דער גרינדערין פון דער שול.

ג. פלודערמאַכער.
פאַרוואַלטער פון דער שול.

ד"ר חיים זשיטלאָווסקי:

ס'איז נייטיק אונדזער יונגער דור זאָל אויפגעצויגן ווערן סיַי אין דער ליבע צו דעם אייגענעם פאָלק און צו זיַין שפּראַך, סיַי אין דער איבערגעבנקייט צו די העכסטע אידעאַלן און צו די פּראָגרעסיווסטע שטרעבונגען פון דער מענטשהייַט. — אַט די אויפגאַבע קאָן נעמען און נעמט אויף זיך נאָר די מאָדערנע שול אין דער יידישער שפּראַך.

יינגל־שול „מפיצי השכלה".

די יינגל־שול „מפיצי השכלה" פארמאגט שוין א רייכע געשיכטע. וועגן דער שול האט מען שוין אויך א סך געשריבן. פארשיידענע מאמענטן פון לעבן פון דער שול זיינען פארפיקסירט געווארן אין דער פרעסע און אין פארשיידענע זאמלביכער און פנקסים — אנגעהויבן פון די „לעצטע נייס" אין די יארן פון דער דייטשישער אקופאציע (1915—1918) און געענדיקט מיטן יובל־העפט, ארויסגעגעבן צום 15-יאריקן יובילײ פון דער שול.

אויך נאכן יובל — באזונדערס היינטיקס יאר — איז וועגן דער שול אויסגעקומען צו שרייבן.

מיר וועלן זיך דעריבער איצט באגרענעצן נאר מיט אייניקע דאטן און פאקטן.

די שול איז געגרינדעט געווארן אין דעצעמבער 1915 דורך דעם ווילנער קאמיטעט פון דער חברה „מפיצי השכלה" און פון דאנען שטאמט אויך איר נאמען.

לכתחילה האט מען געעפנט דריי קלאסן (3טן, 4טן און 5טן) מיט 83 שילער. געעפנט האט מען די שול אין ענגע עטלעכע צימערן אין שכנות מיט דער מיידלשול, וואס האט אויך געהערט צו „מפיצי השכלה" (איצט — קופערשטיין־שול).

דער ערפאלג פון דער שול איז אבער געווען אזוי גרויס, אז די צאל קינדער האט זיך אין משך פון א פאר יאר פארפינפאכט. די שול איז גיך אויסגעוואקסן און זיך פארוואנדלט אין א פולער 8-קלאסיקער פאלקסשול מיט א צוגאב נאך פון עטלעכע פאראלעלע קלאסן.

די שול האט גלייך געקראגן א גוטן צוגעפאסטן לאקאל מיט א פלאץ און גארטן דערביי — אויף אסטראבראם (שפעטער — בעלינע גאס 2), און ס'איז אוועק אן ארבעט. — אן ארבעט פון פארשפרייטן ליכט אין דעם פינצטערן יידישן געטא, דערציען דעם נייעם יידישן דור אין א נייעם גייסט, צוגרייטן אים צום נייעם איצטיקן לעבן.

אן ארבעט א שווערע, א פאראנטווארטלעכע, א פיאנערישע.

אן ארבעט פון פארפלאנצן און פארפעסטיקן א נייע יידישע שול און גלייכצייטיק אן אנהייב פון א נייעם יידישן שולוועזן אויף דער יידישער גאס.

צוזאמען מיט אלע שולן פון צ. ב. ק. האט די יינגל־שול אין משך פון איר 18-יאריקער עקזיסטענץ דורכגעמאכט די גאנצע מארטיראלאגיע פון יידיש־וועלטלעכן שולוועזן אין ווילנע, געוויי־טאקט מיט זיינע וויי־טאגן, געפרייט זיך מיט זיינע פריידן.

אין משך פון די 18 יאר זיינען דורך דער שול דורכגעגאנגען טויזנטער קינדער פון אלע עקן שטאט.

פאר דער צייט האט שוין די שול געהאט 14 ארויסלאזן, ארויסגעלאזט

אויפן נייעם שול־גאָרטן פון דער ייִנגלשול

שוין תּלמידים אין די הונדערטער.

אין אַלע עקן וועלט זײַנען זיי צעשפּרייט, די אַביטוריענטן פון דער ייִנגל־שול. אַ סך האָבן באַקומען העכערע בילדונג, פיל אַפילו זיך אויסגעטײלט אויף פאַרשײדענע געביטן פון דער וויסנשאַפט. פאַראַן צווישן זיי אויך לערער פון אונדזער שול.

די גאַנצע מאַסע אַביטוריענטן זײַנען אומעטום באַוווּסטזיניקע, געבילדעטע, נוצלעכע אַרבעטער.

בײַ אַלעמען אָן אויסנאַם איז פאַרבליבן אַ ליבע צו דער ייִדישער שול בכלל און צו דער ייִנגל־שול בפרט. מע קען דאָס זען אין דער צײַט פון די שול־יום־טובים און בײַ די סיומים, ווען די אַביטוריענטן פון די פאַרשיידענע אַרויסלאָזן קומען זיך צונויף און דערמאָנען די יאָרן, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט אין דער שול.

אַמבולטסטן האָט מען עס געקענט זען בעת דער יובילײ־פײַערונג אין 1930. אין די הונדערטער זײַנען דאַן געקומען די אַביטוריענטן און געוו. שילער אויפן יום־טוב און אַרויסגעוויזן פיל ליבע און איבערגעבנקײַט.

ליידער האָבן די עלטערע שול־טוער נאָך ביז איצט ניט אויסגענוצט די וואַרעמקייט און איבערגעבנקײַט פון די אַביטוריענטן, ניט געשאַפן פאַר זיי די נייטיקע אָרגאַניזאַציע.

אַ גרויסע ראָלע אין דער שול־אַרבעט האָט אין משך פון דער גאַנצער צײַט געשפּילט דער קלוב בײַ דער שול א. נ. „ערשטער ייִדישער קינדער־קלוב".

אין דעם קלוב האָבן יאָרנלאַנג אָנטייל גענומען און געפירט אַן אינטערעסאַנטע און וויכטיקע אַרבעט תּלמידים און תּלמידות אויך פון אַנדערע ייִדישע שולן.

אַ וויכטיקן אָרט אין שול־לעבן האָט די לעצטע יאָרן אויך פאַרנומען דער בלאָז־אָרקעסטער בײַ דער שול, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1927 און עקסיסטירט נאָך עד־היום. דער אָרקעסטער איז אַרויסגעטראָטן אויף אַ סך אונטערנעמונגען פון דער און פון אַנד. ייִדיש־וועלטלעכע שולן, נעמט אַן אָנטייל אין אַלע צוגן פון די צ. ב. ק.־שולן.

פאַר דער צײַט פון איר עקסיסטענץ האָט די ייִנגל־שול איבערגעלעבט פאַרשיידענע צײַטן, אין לעבן פון דער שול זײַנען פאָרגעקומען פאַרשיידענע פּאַסירונגען. מיר וועלן דאָ דערמאָנען בלויז צוויי פון די וויכטיקסטע, וועלכע האָבן געדראָט דער שול מיט אַ גרויסער סכנה.

די ערשטע איז פאָרגעקומען אין יאָר 1928 נאָך דעם טרויעריק־באַרימט געוואָרענעם ל"ג־בעומר־שפּאַציר.

דער קאָנפליקט, וואָס איז שפּעטער אויסגעבראָכן צווישן דעם געוועזענעם פאַרוואַלטער פון דער שול מיטן צ. ב. ק. און דער גאַנצער לערערשאַפט האָט שיר ניט געבראַכט צום אונטערגאַנג פון דער שול.

עס איז אָבער אַוועק אַ יאָר, און די שול איז געקומען צו זיך. צו טיף האָט זיך די ייִנגל־שול פאַרוואָרצלט אין אָרטיקן ייִדישן לעבן, און דעריבער האָט אַפילו אַזאַ שטורעם, וואָס האָט זיך דעמאָלט אויפגעהויבן, ניט געקאָנט זי אומברענגען.

די צווייטע פּאַסירונג איז פאָרגעקומען צום סוף פון פאַריקן שול־יאָר. דאָ איז

די געפאַר געקומען פון אויסן. דער ווילנער מאַגיסטראַט, וואָס באַזאָרגט די שולן מיט לאָקאַלן, האָט פלוצלונג, אָן אַ פאַרוואָס באַזייטיקט די יינגל־שול פון דעם לאָקאַל אויף בעלינע 2, וווּ די שול האָט זיך געפונען כמעט די גאַנצע צייט פון איר עקסיסטענץ, און איבערגעגעבן דעם לאָקאַל אַ פוילישער שול.

די יינגלשול איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון איר באָדן, באַזייטיקט געוואָרן פון איר ראַיאָן, וווּ זי האָט אַזוי פיל יאָרן פאַרשפרייט ליכט און וויסן, און געבליבן ווי אויפן וואַסער.

נאָך שווערער מי האָט זיך איינגעגעבן צו באַקומען פאַר דער שול אַ נייעם לאָקאַל אין אַן אַנדער ראַיאָן (פּאָהולאַנקע 23). עס איז אָבער געווען אַ געפאַר, אַז די שול זאָל בלייבן מיט ווייניק קינדער. מע האָט מורא געהאַט, אַז די עלטערן פון דעם פריערדיקן ראַיאָן וועלן ניט וועלן שיקן זייערע קינדער אַזוי ווייט, באַזונדערס די יינגערע.

די סימפּאַטיעס פון די ברייטע מאַסן צו דער יינגלשול זיינען אָבער אַזוי שטאַרק, אַז די שול האָט אַפילו נאָך דער לעצטער אויפטרייסלונג ניט נאָר ניט געליטן, נייערט נאָך מער זיך פאַרפעסטיקט. די גרעסטע צאָל פון די אַלטע תּלמידים איז געבליבן טריי דער שול און צום נייעם לערניאָר האָבן אין שול זיך נאָך פאַרשריבן איבער 150 נייע תּלמידים.

דעם ערפאָלג אירן האָט די יינגל־שול אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען אירע אַקטיווע פריינד, וואָס האָבן זי אין משך פון דער גאַנצער צייט אַרומגערינגלט מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט און אויסגעהאָלפן אין די שווערסטע מאָמענטן. אין דער ערשטער ריי זיינען עס שטענדיק געווען די עלטערן־קאָמיטעטן פון די פאַרשיידענע צייטן.

צוליב דער אַלגעמיינער דעפּרעסיע איז די אַקטיוויטעט פון די שול־פריינד לעצטנס אַ ביסל אָפּגעשוואַכט געוואָרן. מע דאַרף אָבער האָפן, אַז דאָס איז נאָר אַ צייטווייליקע דערשיינונג.

ביי היינטיקן טאָג פאַרמאָגט די שול 320 תּלמידים אין 7 קלאַסן. צוליב דער שווערער צייט קענען לעצטנס דאָס רוב עלטערן ניט אויסהאַלטן די קינדער אין דעם 8טן קלאַס און רייסן זיי אָפּ פון לערנען נאָכן פאַרענדיקן דעם זיבעטן. צוליב דער דאָזיקער סיבה איז דער 8טער קלאַס אין דער שול שוין אין משך פון צוויי יאָר ניט געעפנט געוואָרן.

מיטן אַריבערגיין אין נייעם לאָקאַל האָט זיך אָנגעהויבן אין לעבן פון דער יינגל־שול אַ נייער פּעריאָד.

מע דאַרף האָפן, אַז די שול, וואָס איז אַזוי פיל אויסגעשטאַנען אין משך פון די פאַרלאָפענע 18 יאָר, וועט ווייטער זיך אַנטוויקלען און וואַקסן און ווערן אַ פעסטונג פון דעם רומפולן יידיש־וועלטלעכן שולוועזן אין ווילנע.

ש. באַסטאָמסקי.

7־קל. פאָלקסשול א. נ. פון „לייזער גורוויטש".

די שול א. נ. „ל. גורוויטש" עקסיסטירט פון יאָר 1915. צוערשט איז זי געגרינדעט געוואָרן (דורך דער געז. „קינדערפאַרזאָרגונג") ווי א קינדער־היים פאַר די קינדער פון די היימלאָזע און געליטענע פון דער מלחמה.

די הויפּט־אויפגאַבע פון די דערציער אין די מלחמה־יאָרן איז געווען צו דערנערן די קינדער און צו איזאָלירן זיי פון דער שעדלעכער ווירקונג פון דער גאַס. די אַרבעט פון די לערער איז באַשטאַנען איבערהויפּט אין „פאַרנעמען" די קינדער מיט שפּילן, אַרבעט, געזאַנג, פאַרלעזונגען, שמועסן אד"גל. פאַר א נאָרמאַלער שול־אַרבעט זיינען דאַן קיין געהעריקע באַדינגונגען ניט געווען.

ערשט צום סוף פון צווייטן יאָר האָט מען געקאָנט איינטיילן די קינדער אין גרופּעס און איינשטעלן א מינימום פון לימודים.

אין פרילינג 1919, נאָך די בלוטיקע אַפּריל־טעג, ווען ס'איז גרויזאַם דערהרגעט געוואָרן דער פאַרוואַלטער פון דער שול ל. גורוויטש, ווערט דורכגעפירט א רעאָרגאַניזאַציע פון דער שול. די שול ווערט אריבערגעפירט אין א נייעם לאָקאַל (אָרזשעשקאָ 7), ס'ווערט איינגעפירט א נאָרמאַלע פּראָגראַם פון לימודים פון א יידיש ־ וועלטלעכער פאָלקסשול, און די שול ווערט איינגעגלידערט אין דער שול־נעץ פון צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט.

פון יענער צייט ביז איצט אַרבעט די שול נאָרמאַל, אַנטוויקלענדיק זיך ביסלעכוויייז פון א 4־קלאַסיקער צו א 7־קלאַסיקער מיט א גלייכער צאָל יינגלעך און מיידלעך.

פאַר דער צייט, וואָס דער יידישער לערער־סעמינאַר האָט עקסיסטירט, איז די שול געווען אַן איבונגס־שול פאַר די סעמינאַריסטן.

די שול ציילט ביי היינטיקן טאָג איבער 200 קינדער, פון די סאַמע פאַרוואָרפנסטע ראַיאָנען פון שטאָט: שניפּישאָק, זווערינעץ, לוקישקעס, אַנטאָקאָל.

די שול פאַרמאָגט א גרויסע ביבליאָטעק, א קאָאָפּעראַטיוו, א גימנאַסטישן זאַל, א ספּאָרט־פּלעצל און א שול־גאָרטן. די ביבליאָטעק און דער קאָאָפּעראַטיוו ווערן אָנגעפירט דורך די קינדער גופא.

די שול האָט שוין געהאַט 8 אַרויסלאָזן פון 7 קלאַסן. די אַביטוריענטן אָרדענען זיך איין צום גרעסטן טייל אין די ווילנער פּראָפעסיאָנעלע שולן: די מיידלעך — אין די וואַרשטאַטן ביים פרויען־פאַריין און „הילף דורך אַרבעט", און די יינגלעך — אין ווילנער יידישן טעכניקום און ביי פּריוואַטע באַלמלאָכעס.

די אַביטוריענטן זיינען צוגעבונדן צו דער שול, באַטייליקן זיך אין די שול־יום־טובים און העלפן איר אין אירע אונטערנעמונגען.

די שול האָט אויך אַן אַקטיוון עלטערן־קאָמיטעט.

י. מהרשק.
פאַרוואַלטער פון דער שול.

אויף אַ לעקציע פון אַרבעט אין דער „ל. גורוויטש"־שול

7־קל. פאָלקסשול א. נ. פון „לייזער גורוויטש" אין יאָר 1933

פאָלקסשול א. נ. פון „שלום-עליכם".

די שול עקסיסטירט פון אָנהייב לערנ-יאָר 1923/24. דעמאָלט זיינען 2 שולן, וואָס האָבן זיך געפונען אין איין ראַ-יאָן: „ארבעטער - קינדערהיים" און פרץ-שול *, צונויפגעגאָסן געוואָרן און עס האָט זיך געבילדעט די שלום-עליכם-שול.

אין משך פון דער צייט זיינען די קינדער פון צענטער שטאָט, וואָס האָבן באַזוכט די פאָלקסשול „ארבעטער-קינ-דערהיים", אריבער אין אנדערע יידי-שע שולן, און די ניי-געגרינדעטע שול איז אויף 90 פראָצ' געוואָרן אַ ראַ-יאָניקע.

די קינדער רעקרוטירן זיך פון די גאַסן: נאָווגאָראָד, קיעווער, פילסודסקי און פון די ארומיקע גאַסן און געס-לעך.

די עלטערן זיינען אין גרעסטן טייל אַרבעטער, קליינהענדלער און האַנט-ווערקער.

די ארבעט-באַדינגונגען אין דער שול זיינען זייער שווערע: דער לאָקאַל איז ניט איינגאַנצן צוגעפּאַסט, די קינדער שטאַמען פון די אָרעמסטע שיכטן; אין הארבסט און אַ טייל פון די ווינטער-דיקע חדשים פארקלענערט זיך דער באַזוך, ווייל אַ באַדייטנדיקער טייל פון די קינדער האָט ניט קיין געהעריקע קליידונג און שיך.

די שלום-עליכם-שול האָט זיך דער-וואָרבן פּאָפּולאַריטעט און סימפּאַטיע ביי דער ברייטער עלטערן-מאַסע.

אַלע יאָר אין הארבסט איז אין דער שול דאָ אַ גרויסער צופלוס פון נייע קינדער.

די צאָל ניי-פארשריבענע קינדער אין 1טן קלאַס איז ביז 80—90, אזוי אַז מע מוז שאַפן פּאַראַלעלע ערשטע קלאַסן. די אָוונטן און פאַרוויילונגען, וואָס די שול אָרדנט איין, ווערן גערן באַזוכט פון די עלטערן און אביטוריענטן

לכתחילה איז די שול געווען אַ 4-קלאַ-סיקע. זי איז בהדרגה געוואַקסן, גע-וואָרן אַ 5-קלאַסיקע. ביי היינטיקן טאָג פאַרמאָגט די שול 6 גרונט-קלאַסן און 1 פּאַראַלעלן ערשטן קלאַס.

די אַלגעמיינע צאָל קינדער איז 240.

דער פּערמאַנענטער קריזיס און די אַרבעטסלאָזיקייט האָט זיך שווער אָפּ-געדרופן אויף די עלטערן, וואָס שיקן זייערע קינדער אין אונדזער שול. אַ גרויסער פּראָצענט איז אַרבעטסלאָז אין משך פון 10 חדשים אין יאָר.

ביי די גרעסטע אָנשטרענגונגען איז די שול ניט ביכולת אויפצומאַנען דעם מינימאַלן שכר - לימוד. די אַנדערע מקורים ווערן וואָס פון יאָר אַלץ וויי-ניקער.

ניט געקוקט אָבער אויף דער אויסער-געוויינלעך שווערער מאַטעריעלער לאַגע, ווערט די אַרבעט אין דער שול געפירט פולשטענדיק נאָרמאַל.

דער עלטערן-קאָמיטעט העלפט דער שול אין אַלע אירע אונטערנעמונגען.

---

* זעט די געשיכטע פוןביידע שולן אין פנקס פון צ. ב. ק. ווילנע, 1924.

די שול ווערט געשטיצט דורך דעם פאַריין פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע (די לעצטע 3 יאָר לערך 20 ג. אַ חודש). די ראָזיקע שטיצע האָט מעגלעך געמאַכט אײַנצושאַפן אַ שול־ביבליאָטעק, וואָס פאַרמאָגט איצט איבער 600 ביכער און באַפרידיקט מער־ווייניקער די פאָדע־רונגען פון די קינדער.

אָנהייב פון לויפנדיקן לערניאָר האָט דער פעדאַגאָגישער ראַט באַשלאָסן צו פײַערן דעם 10־יאָריקן יובל פון דער שול מיט אַן עפנטלעכן אַרויסטריט פון די קינדער און מיט אַן אויסשטעלונג פון קינדער־אַרבעטן.

י. גראָסמאַן,
פאַרוואַלטער פון דער שול.

אַ גרופע קינדער פון דער שלום־עליכם־שול טאַנצט „אַ שערעלע“

פאלקסשול א. נ. פון „י. דינעזאָן".

ס'איז געווען אין רי ביטערע און פינצטערע יאָרן פון דער דײַטשישער אָקופּאַציע... הונדערטער קינדער אין ביידע פאַרשטעטלעך פון ווילנע — גרויס־ און קליין־שניפּישאָק — האָבן זיך ארומגעוואַלגערט איבער די גאַסן הונגעריקע, באָרוועסע און נאַקעטע, אָן שום השגחה... האָט די נאָך פון פאַר דער מלחמה עקסיסטירנדיקע גזועלשאַפט „קינדער־פאַרזאָרגונג" צונויפגעזאַמלט אין יאָר 1917 די דאָזיקע קינדער אין אַ צאָל פון 200 אין איצטיקן לאָקאַל פון דער י. דינעזאָן־שול, וועלכע געפינט זיך אין האַרץ פון ביידע שניפּישקעס, און האָט פאַר זיי געגרינדעט דאָ אַ קינדער־היים. מע האָט לכתחילה אָנגעהויבן מיט באַשפּײַזן די קינדער עטלעכע מאָל אין טאָג און אויפזיכט איבער זיי. גאָר אינגיכן איז מען אַריבער אויך צום לערנען. און אָט אַזוי איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאַר דער י. דינעזאָן שול, וועלכע ציילט שוין אַזוי אַרום 15 יאָר עקסיסטענץ.

פאַרשיידענע עטאַפּן און גלגולים האָט דורכגעמאַכט די י. דינעזאָן־שול פאַר דער 15־יאָריקער עקסיסטענץ איר. ביזן יאָר 1920 אונטערן נאָמען „כיווינער שול" (לויטן אַמאָליקן נאָמען פון דער גאַס, וווּ די שול געפינט זיך) איז די שול מער געווען אַ קינדער־היים, ווי אַ שול אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט.

ס'זײַנען געווען די יאָרן, ווען אין ווילנע האָבן זיך נאָך געביטן די מאַכטן, ווען דער דלות און דחקות פון די יידישע מאַסן זײַנען געווען זייער גרויס. אין די דאָזיקע יאָרן האָט מען מער געטראַכט וועגן באַשפּײַזן די קינדער, און דעריבער זײַנען אין שול געווען אַ סך קינדער אין עלטער פון 4 ביז 7 יאָר. דער קינדער־גאָרטן איז געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון דער שול.

אין יאָר 1920 ווערט דער קינדער־גאָרטן אויסגעטיילט באַזונדער, און די שול הייבט זיך אָן צו אַנטוויקלען נאָרמאַל. דאָס דויערט ביזן יאָר 1922, ווען ס'ווערט אַרויסגעלאָזן דער ערשטער 5טער קלאַס. אין זעלבן יאָר באַקומט די שול אַ צופלוס פון דער געשלאָסענער נאָכמיטאָג־שול א. נ. פון מ. ב. ראַטנער. די צאָל קינדער דערגרייכט צו יענער צײַט ביז 150. אָבער גיך הייבט זיך אָן אַ ירידה פון דער שול. ס'גייען אַוועק מאַסנווײַז קינדער, און שוין אין לערניאָר 1922—23 ווערן רעדוצירט 3 קלאַסן. אין אַזאַ שווערן מצב געפינט זיך די שול אין משך פון עטלעכע יאָר. די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען צו אַזאַ ירידה, זײַנען פאַרשיידן. צווישן זיי פאַרנעמט נישט קיין קליינעם אָרט דער דראַנג נאָך די שטאָטישע שולן. די באַפעלקערונג פון ביידע שניפּישקעס קוקט קרומלעך אויף דער געוועזענער קינדער־היים און שיקט גערנער אירע קינדער

פאָלקס־שול א. נ. פון „י. דינעזאָן" אין יאָר 1933

די קינדער פון דער „דינעזאָן־שול" פאָרן אַרויס אויף אַ ווינטער־שפּאַציר

אין די שטאָטישע שולן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ באַדייטנד גרעסערן מהלך וועג. אָבער ניט קיין קלענערן חלק אין דער ירידה פון דער שול האָט די דאַמאָלסטיקע באַציִונג פון אונדזערע אָנפירנדיקע שול־אינסטאַנצן צו די קלענערע שולן אין די פאָרשטעטלעך, צו די אַזוי־גערופענע „פּראָווינץ־שולן‟.

פון יאָר 1926 הייבט די שול אָן ביסלעכווייַז קומען צו זיך. די צאָל קינדער הייבט אָן ביסלעכווייַז צו וואַקסן. אין לערניאָר 1930/31 דערגרייכט שוין די צאָל קינדער ביז 150 און צום אָנהייב פון לערניאָר 1931/32 איז שוין דאָ אין שול קרוב 170 קינדער. ס'ווערט ווידער געעפנט אַ 5טער קל., וועלכער ווערט נאָך דערווייַל געפירט פאַרייַניקט מיטן 4טן קל. אויף אַ טייל לימודים. די שול ברייטערט זיך אויס און פאַרפעסטיקט זיך. זי ווערט שוין פּאָפּולער אויף שניפּישאָק. איר אָנזען וואַקסט.

ביי הייַנטיקן טאָג ציילט די שול בייַ 200 קינדער און האָט 5 קלאַסן. דער 5טער קלאַס ווערט שוין געפירט אינגאַנצן באַזונדער. די איבעריקע קלאַסן זייַנען צאָלרייַכע. די שול וואַקסט פון אונטן, — און ס'זייַנען אַלע טענדענצן דערפאַר, אַז די שול וועט ווייַטער וואַקסן און וועט אויף אַזאַ אופן אויסוואַקסן ביז אַ נאָרמאַלער 7־קלאַסיקער פאָלקסשול. אין דער שול אַרבעט שוין איצטער אַ לערער־פּערסאָנאַל אין באַשטאַנד פון 8 פּערזאָן. צוליב דעם, וואָס די שול איז אויסגעוואַקסן, איז דער לאָקאַל פון דער שול געוואָרן צו ענג.

די שול־פאַרוואַלטונג נעמט אָן שריט צום אָנהייב פון קומענדיקן לערניאָר דעם לאָקאַל צו פאַרגרעסערן, וואָס וועט צוזאַמען מיט דער וואַקסנדיקער צאָל קינדער געבן די מעגלעכקייט צו עפענען צום קומענדיקן לערניאָר אַ 6טן קלאַס.

די י. דינעזאָן־שול איז דורכויס אַ ראַיאָניקע. זי באַדינט אויסשליסלעך קליין־ און גרויס־שניפּישאָק. די קינדער פון דער שול רעקרוטירן זיך פון די אָרעמסטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

די שול איז אַ קאָעדוקאַציע־שול.

לויטן עלטער פון די קינדער האָט זיך די שול, אַזוי ווי אַלע שולן פאַר די לעצטע יאָרן, נאָרמאַליזירט. דער קלאַסן־באַשטאַנד איז אַן אייַנהייַטלעכער, ניטאָ קיין גרויסע קאָנטראַסטן, די קינדער זייַנען יונגע. ס'באַזוכן די שול קינדער פון 6 ביז 12 יאָר.

ס'איז געווען אַמאָל בייַ דער שול אַ שול־ביבליאָטעק, אָבער איצטער איז זי צום גרעסטן טייל חרוב געוואָרן און קאָן שוין ניט באַזאָרגן די קינדער מיט דעם נייטיקן לייען־מאַטעריאַל. ס'האָט זיך דעריבער געשטעלט פאַרן פּעדאַגאָגישן ראַט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אייַנגעשאַפט פאַר דער לעצטער צייַט געוויסע שול־מכשירים, די אויפגאַבע צו שאַפן אויך אַ שול־ביבליאָטעק, דאָס איז נאָך מער דרינגענדיק צוליב דעם, וואָס די איינציקע קינדער־ביבליאָטעק בייַם צ. ב. ק. געפינט זיך זייער ווייַט פון שניפּישאָק.

בייַ דער שול איז טעטיק אַ שול־קאָאָפּעראַטיוו, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך די קינדער. דער שול־קאָאָפּעראַטיוו באַזאָרגט די קינדער מיט העפטן און אַנדערע שול־מכשירים.

ס'עקסיסטירט בייַ דער שול אַן על־

טערן־קאָמיטעט, וועלכער האָט פאַר די
לעצטע יאָרן אַרויסגעוויזן אַ רירעוודיקע
טעטיקייט. אַדאַנק אים זיינען געמאַכט גע-
וואָרן עטלעכע נייטיקע אינוועסטיציעס
ביַי דער שול, און ס'זיַינען דורכגעפירט
געוואָרן עטלעכע געלט־אונטערנעמונגען.
אַ סך האָט ער אויפגעטאָן אויפן געביט
פון באַזאָרגן די אָרעמסטע און שוואַכ־
סטע קינדער פון דער שול אין די זומער־
קאָלאָניעס. אזוי זיינען דעם פאַרגאַנגע־
נעם זומער מיט דער הילף פון עלטערן־
קאָמיטעט אַוועקגעשיקט געוואָרן אין די
זומער-קאָלניעס 24 קינדער.

אָט אַזוי זעט עס אויס אין אַלגעמיינע
קאָנטורן די געשיכטע פון דער י. דינע־
זאָן־שול און איר צושטאַנד ביַי היַינ־
טיקן טאָג.

יצחק סעניצקי.
פאַרוואַלטער פון דער שול

די ספּעציעלע שול.

די ספעציעלע שול.

אין די לעצטע יארן איז אונדזער שולוועזן באריַיכערט געווארן מיט א ניַיעם צוויַיג פון דער מאדערנער דערציִונג — דורך דער גרינדונג פון א הײלפעדאגאגישן אנשטאלט. אין יאנואר 1932 איז אין דעם בנין פון יידישן לערער־סעמינאר געווארן געעפנט ביַי דער ל. גורוויטש־שול דער ערשטער ספעציעלער קלאס פאר גיַיסטיק־אפגעשטאנענע קינדער. א סך אזעלכע קינדער זיַינען פאראן אין דער פאראָרעמטער ווילנע. דאס אלטע געטא מיט זיַינע פינצטערע הויפן, די וויסטע פארשטעט, ווו עס וווינט די ארעמשאפט און די גנבים־וועלט, זיינען א פרוכטבארער באדן פאר גיַיסטיקער און פיזישער דעגענעראציע.

מיטן אויפקומען פון דער יידיש־וועלטלעכער שול האט די באוווסטזיניקע לערערשאפט געמוזט ווערן אויפמערקזאם אויף דער גרויסער צאל פסיכישע אנאמאליעס ביַי די שולקינדער: נערוואזיטעט, פסיכאפאטישע שטריכן, אינטעליגענץ־דעפעקטן. עס איז קלאר געווארן, אז כדי צו נארמאליזירן די שול־ארבעט, מוז אין דער ערשטער ריי געשאפן ווערן א ספעציעלע שול פאר די גיַיסטיק־אפגעשטאנענע קינדער, וועלכע פארשווערן די ארבעט אין דער נארמאל־שול און ווערן אין איר באעוולט אין זייערע אנטוויקלונגס־באדערפענישן.

אין יאר 1929 האט אנגעהויבן פונקציאנירן א יידישע אפטיילונג ביַי דעם פסיכאלאגישן קאבינעט פון ווילנער מאגיסטראט אונטער דער לייטונג פון ד״ר י. גענזעל. פון דער גרויסער צאל (העכער 80) קינדער, וועלכע זיַינען דורך איר קוואליפיצירט געווארן אלס קאנדידאטן פאר א ספעציעלער שול, זיַינען לכתחילה אנגענומען געווארן 20 קינדער, וואס האבן פריער באזוכט שולן פון פארשיידענע שול־צענטראלעס. ניט קוקנדיק אויף די אויסערגעוויינלעכע מאטעריעלע שוועריקייטן, האט די נייע אנשטאלט געארבעט נארמאל און באוויזן אין ערשטן יאר פון איר עקסיסטענץ צו געווינען דעם צוטרוי פון די עלטערן און די סימפאטיעס פון דער יידישער געזעלשאפט. אין פעברואר 1933 איז געעפנט געווארן א 2טער קלאס און היַינט צו טאג זיַינען שוין פאראן 3 קלאסן מיט 50 קינדער. עס קומען צו כסדר ניַיע קאנדידאטן — פון די יידישע, העברעישע, רעליגיעזע און פויליש־יידישע מלוכה־שולן. בלויז צוליב דער מאטעריעלער נויט און דעם פעלן פון א גרעסערער צאל קוואליפיצירטע לערער מוז די שול זיך באגרענעצן מיטן וואקסן אין איין ליניע, אין דער ציַיט ווען זי וואלט געדארפט שוין היַינט עפענען פאראלעלע קלאסן.

די קינדער זיַינען אין עלטער פון 7 ביז 14 יאר. דער דורכשניטלעכער עלטער איז אין די ייִנגערע קלאסן נעענ־

טער צום נאָרמאַלן און אײנהײטלעכער, אײדער אין דעם עלטערן. דאָס באַװײַזט, אַז דער געפֿקלײַב פֿון די קינדער איז פֿאַר דער עקסיסטענץ־צײַט פֿון דער שול געװאָרן סיסטעמאַטישער.

די פּראָפּאָרץ פֿון דער אַלגעמײנער צאָל ײנגלעך און מײדלעך איז פֿון אָנהײב אָן כּמעט אַ קאָנסטאַנטע: אַן ערך 40 פּראָצ׳ ײנגלעך צו 60 פּראָצ׳ מײדלעך. נעמענדיק אין אַכט, אַז די ײנגלעך קומען דאָס רוב פֿון די רעליגיעזע שולן, מוזן מיר אָפּשאַצן זײער צאָל װי אַ רעלאַטיװ־הױכע — און װי אַ באַװײַז פֿון צוטרוי צו דער שול מצד דער עלטערן־מאַסע.

בדרך־כּלל װערן אין דער שול אָנגענומען קינדער מיט אַן אינטעליגענץ־קװאָציענט פֿון 50 ביז 70 פּראָצ׳. עס זײַנען אָבער פֿאַראַן אױך אײנצלנע קינדער מיט אַ נידעריקערער אָדער אַ העכערער אינטעליגענץ. לעצטנס אָנגענומענע זײַנען דאָס רוב קינדער מיט שפּראַך־פֿעלערן, װאָס שטערן זײ צו באַזוכן די נאָרמאַלע שול. דער פּראָצענט פֿון שפּראַך־געשטערטע קינדער אין שול איז זײער גרױס — ניט װײניקער פֿון 75 פּראָצ׳.

די סאָציאַלע אָפּשטאַמונג פֿון די קינדער איז אַ לפֿי־ערך אײנהײַטלעכע: דער גרעסטער טײל עלטערן זײַנען פֿאַופּעריזירטע און אַרבעטסלאָזע באַלמעלאָכעס. די צװײט־גרעסטע גרופּע בילדן גאַסן־הענדלער; דאַן — שװאַרץ־אַרבעטער. פֿאַראײנצלט זײַנען קװאַליפֿיצירטע אַרבעטער, האַנדלס־אָנגעשטעלטע און קרעמער. — פֿון די סאָציאַל־העכערע שיכטן װערט די שול דערװײַל ניט אױסגענוצט.

צו שװאַך איז נאָך די פֿאַרשטענדעניש פֿאַר די באַדערפֿענישן פֿון אָפּגעשטאַנענעם קינד און פֿאַר דער דערציִערישער אחריות לגבי אים, כּדי פֿאַרמעגלעכע עלטערן זאָלן זיך אַנטשליסן צו שיקן זײער קינד אין אַ שול צוזאַמען מיט אַנדערע דעפֿעקטיװע, און דערצו — אָרעמע קינדער.

עס הערשט אָבער אין דער „אָרעמשול" אַ פֿרײדיקײט און מונטערקײט ניט ערגער װי אין יעדער נאָרמאַלער פֿאָלקסשול. די אַרבעט װערט געפֿירט אױף אַ לעבנס־נאָענטן שטײגער, װאָס װעקט בײַ די קינדער אינטערעס און דערמוטיקט זײ צו אַקטיװער באַטײליקונג. די לימודים זײַנען פֿאַרבונדן מיט האַנטאַרבעט, שפּיל, ריטמיק, געזאַנג. דער גרעסטער טײל קינדער זײַנען מוזיקאַליש, אַ סך האָבן קינסטלערישע פֿעיִקײטן. גרױס איז דער חשק פֿון די עלטערע, 12—14־יאָריקע, צו ערנסטער אַרבעט: גענײ, סטאָלערײ. די שול האָט איבערגענומען דעם סטאָלערײַ־װאַרשטאַט פֿון לערער־סעמינאַר, און די עלטערע קינדער אַרבעטן אױס לערן־מכשירים און שפּילצײַג פֿאַר די קלענערע. אַ קלײנער גאָרטן בײַ דער שול גיט די געלעגנהײַט צו גאָרטן־אַרבעט.

דאָס אַלץ זײַנען מער ניט װי ערשטע טריט — עס פֿעלט דער שול נאָך דאָס נײטיקסטע אין מעבל, מכשירים. אױך די אינעװײניקסטע פּעדאַגאָג.־פּיכאָלאָג. אַרבעט װערט נאָך ניט געפֿירט אין דעם געהעריקן פֿאַרנעם צוליב דעם, װאָס די אַנשטאַלט איז נאָך ניט אַרױס פֿון איר אָרגאַניזירונגס־סטאַדיע.

אונדזער פּערספּעקטיװ איז: אַ 6־קלאַסיקע שול, װאָס זאָל געבן יעדן קינד אַ מאַקסימאַלע, לױט זײַנע מעג־

לעבקייטן, בילדונג אין די ראמען פון
אן עלעמענטאר־שול — און אן אנשליסנ-
דיקע ספעציעלע פאך-שול אדער לאנד־
ווירטשאפטלעכע קאלאניע, וואס זאל
אים ארויסלאזן אין לעבן אלס גוטן
מוטיקן און געמיינשאפטס־פריידיקן
באלמעלאכע אדער ערד־ארבעטער —
אין יעדן פאל אן ארבעטספעיקן, לעבנס־
מענטשן.

* * *

ביי דער גאנצער פארשטענדעניש און
דעם אינטערעס פאר דער ספעציעלער
שול האט דער צ. ב. ק. דאך ניט געקענט
נעמען אויף זיך די לאסט פון איר מא־
טעריעלער אויסהאלטונג. דעריבער האט
דער צ. ב. ק. גלייך נאך דער גרינדונג
פון ערשטן ספעציעלן קלאס איבערגע־
געבן אים אין רשות פון א באזונדערן
קאמיטעט, וועלכער האט גענומען די
איניציאטיוו צו גרינדן א „געזעלשאפט
פאר ספעציעלער דערציונג".

נאך א לענגערער צוגרייטונגס־ארבעט
איז די דאזיקע געזעלשאפט געווארן לע־
גאליזירט אין זומער 1933. ביי היינ־
טיקן טאג ציילט זי ארום 200 מיטגלידער
— מענטשן פון די פארשיידנסטע
קרייזן און שיכטן, וועלכע זיינען פא־
ריייניקט דורך די זאכלעכע צילן: דער
פארשפרייטונג פון היילפעדאגאגישן גע־
דאנק, דער דערציערישער און מאטעריע-
לער פארזארגונג פון אנארמאלע קינ־
דער (גייסטיק־אפגעשטאנענע, שווער־
דערציבארע, קינדער מיט שפראך־פע־
לערן און פעלערן פון חושים, אויך
פארווארלאזטע קינדער). — אין דער ער־
שטער ריי מוז אבער די געזעלשאפט
אנשטרענגען אלע כוחות, כדי צו פאר־
פונדעווען און אויסצובויען די ספעצי־
עלע שול. לעת־עתה עקסיסטירט די שול
נאר אדאנק דעם, וואס זי פארמאגט אן
אומזיסטן לאקאל און א לערער־פער-
סאנאל, וואס ארבעט כמעט ווי אן
שכירות. די הכנסות פון דער געזעל־
שאפט דעקן ווייט ניט קיין העלפט פון
חודשדיקן בודזשעט (200 גילדן פון
500).

מיר זיינען אבער זיכער, אז די וויכ־
טיקע ארבעט, וואס ווערט דא געטאן,
וועט געפינען די נייטיקע אפשאצונג
און אז די ערשטע אין פוילן יידישע
ספעציעלע שול וועט זיך אנטוויקלען
צו א פיאנער־אנשטאלט, וואס וועט געבן
אן אנרעגונג צו היילפעדאגאגישער אר־
בעט צווישן די יידישע מאסן אויך אין
אנדערע ערטער.

דייר וויטע לעווין.

קינדער-ביבליאָטעק.

די קינדער-ביבליאָטעק איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1909 ביי דער געזעלשאַפט „קינדער - פאַרזאָרגונג'', בראש פון וועלכער ס'איז געווען ד''ר ה. קאָווארסקי. די ערשטע ביכער, וואָס די קינדער-ביבליאָטעק האָט פאַרמאָגט, זיינען געווען אויסשליסלעך אין רוסיש. פון יאָר 1915, אין צוזאַמענהאַנג מיטן וווּקס. פון דער יידישער שול, וואַקסט די פאָדערונג פון יידישן בוך, און די ביבליאָטעק הייבט אָן איינקויפן אַלץ, וואָס איז נאָר פאַראַן אין יידיש. ביסלעכוויַיז שטופּט דאָס יידישע בוך ארויס די ביכער אויף אַנדערע שפּראַכן און פאַרנעמט דאָס ערשטע אָרט.

אין יאָר 1919 ווערט ליקווידירט די געזעלשאַפט „קינדער-פאַרזאָרגונג'', און דער אָקאָרשט געגרינדעטער צענטראַלער בילדונגס-קאָמיטעט נעמט אַריַין די ביבליאָטעק אין נעץ פון זיַינע אַנשטאַלטן. פון דעם מאָמענט הייבט אָן די ביבליאָטעק צו וואַקסן אין דער טיף און אין דער ברייט. ס'איז אַ גרויסער צופלוס פון לעזער און אַ לעבהאַפטע באַוועגונג פון ביכער.

די ביבליאָטעק פאַרמאָגט ביַים איצטיקן מאָמענט 18177 ביכער, פון דעם: יידישע 8783, העברעיִשע 1440, פּויליִשע 3335 און רוסישע 4619.

רוסישע ביכער ווערן פאַר די לעצטע יאָרן איינגאַנצן ניט ארויסגעגעבן. דאָס אָרט פון די רוסישע ביכער פאַרנעמען די יידישע און פּויליִשע, וועלכע מ'האָט איַינגעפירט אין יאָר 1923.

מיט דער ביבליאָטעק באַנוצן זיך שילער פון אַלע שולן פון פאַרשיידענע ריכטונגען, אויך אַזעלכע, וואָס באַזוכן קיין שול ניט, סעמינאַריסטן, שילער פון די פּראָפעסיאָנעלע שולן און בכלל יוגנט ביז 18 — 20 יאָר. לויט די לערן-אַנשטאַלטן ווערן די לייענער אַזוי פאַרטיילט: קינדער פון יידיש-וועלטלעכע שולן 49,3 פּראָצ', העברעיִשע שולן 16,6 פּראָצ', פּויליִשע שולן 15,4 פּראָצ', אַרבעטנדיקע יוגנט און אַזוינע, וואָס באַזוכן קיין שול ניט— 18,7 פּראָצ'. לויט דער באַשעפטיקונג פון די עלטערן בילדן די קינדער פון אַרבעטער און אָנגעשטעלטע 30,8 פּראָצ', האַנטווערקער 12,4 פּראָצ', קרעמער און סוחרים 45,6 פּראָצ', אומבאַשטימטע פּראָפעסיעס 11,2. לויטן עלטער: קינדער ביז 15 יאָר 78,8 פּראָצ', פון 16— 20 יאָר 21,2 פּראָצ'.

פון דער לעצטער טאַבעלע איז צו זען, אַז דער כאַראַקטער פון דער ביבליאָטעק האָט זיך אַ ביסל געביטן, ד''ה ניט נאָר קינדער באַנוצן זיך מיט דער ביבליאָטעק, נאָר אויך יוגנט.

די ביבליאָטעק האָט זיך איַינגעשאַפט אויך אַ ליטעראַטור צוגעפּאַסט פאַר יוגנט. דאָס לייענען פון די קינדער ווערט אָנגעפירט דורך די ביבליאָטעקאַרינס. די ביבליאָטעק האָט צונויפגע-

בײַם בײַטן ביכער אין דער קינדער־ביבליאָטעק פון צ. ב. ק.

אין לייענזאַל בײַ דער קינדער־ביבליאָטעק פון צ. ב. ק.

שטעלט רשימות פאַר יעדן לערניאָר, וועלכע זיינען קאָנטראָלירט געוואָרן דורך אַ לערער־קאָמיסיע.

פאַרן לעצטן יאָר זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן 35,903 ביכער, פון · דעם: יידישע 15.437 (43 פּראָצ'), העברעישע 1498 (4,2 פּראָצ'), פּוילישע 18913 (52,7 פּראָצ''), רוסישע — 0,1 פּראָצ'.

פאַר די לעצטע יאָרן פילט זיך בכלל אַ וווּקס און פאָדערונג פון פּוילישן בוך, אָבער מ'קען ניט זאָגן, אַז דאָס פּוילישע בוך שטופּט אַרויס דאָס יידישע, ווייל דער גרעסטער טייל קינדער, וועלכע לייענען פּויליש, לייענען אויך יידיש.

ביי דער ביבליאָטעק געפינט זיך אַן אומזיסטער לייענזאַל, וועלכער ווערט זייער לעבהאַפט באַזוכט פון די קינדער. אַזוי, למשל, האָבן פאַר יוני, יולי, אווגוסט 1933 דעם לייענזאַל באַזוכט 4689 לעזער און ס'זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן 5805 ביכער.

פאַרן לעצטן יאָר האָבן דעם לייענזאַל באַזוכט 7922 לעזער און ס'זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן 9995 ביכער, פון דעם יידישע 7958 (79,6 פּראָצ'), העברעישע 167 (1,7 פּראָצ'), פּוילישע 1870 (18,7 פּראָצ').

ביזן יאָר 1930 איז די הויפּט־שטיצע פון דער ביבליאָטעק באַשטאַנען פון די סובסידיעס פון צ. ב. ק., אָבער פאַר די לעצטע יאָרן, ווען דער מאַטעריעלער מצב פון צ. ב. ק. האָט זיך פאַרערגערט, האָט זיך די סובסידיע אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. די קהילה צאָלט ניט אויס דאָס, וואָס זי האָט באַשטימט; דער מאַגיסטראַט סובסידירט בכלל ניט קיין ביבליאָטעקן, אַזוי אַז די לאַגע פון דער אַנשטאַלט איז געוואָרן קאַטאַסטראָפאַל.

דאַן האָט זיך געשאַפן אַ קאָמיטעט „פריינד פון דער ביבליאָטעק'', וועלכער האָט זיך געשטעלט אַלס ציל פינאַנציעל צו העלפן דער ביבליאָטעק.

זומער-קאָלאָניע פאַר שוואַכע קינדער פון צענטראַלן עלטערן-קאָמיטעט.

דער צענטראַלער עלטערן־קאָמיטעט פון די יידיש־וועלטלעכע שולן אין ווילנע („צ. ע. ק.”) איז אַ האַלב־אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע בײַם צ. ב. ק., וואָס איז געשאַפן געוואָרן, כּדי צו באַפרידיקן די נויטן פון די שולן, וועלכע די לאָקאַלע עלטערן־קאָמיטעטן זײַנען ניט בּיכולת אַליין צו פאַרווירקלעכן.

איינס פון די ליבלינגס־געביטן פון דער צעק-אַרבעט איז די זומער־קאָלאָניע פאַר די שוואַכע שול־קינדער, וועלכע האָט אינם זומער 1933 פאַרענדיקט דעם 7טן יאָר פון איר עקסיסטענץ.

דער געדאַנק וועגן גרינדן אַ קאָלאָניע פאַר די שוואַכע קינדער פון די צ. ב. ק.־שולן איז אַרויפגעשווומען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם פאַקט, וואָס די געזעלשאַפט „טאָז”, וועלכע איז אײַגנטלעך באַרופן אײַנצואָרדנען קאָלאָניעס פאַר די שול־קינדער, איז ניט געווען בּיכולת אַרײַנצונעמען אין איר קאָלאָניע די אַלע קינדער, וואָס האָבן זיך אין אַן אָפּרו־קאָלאָניע גענייטיקט. יאָר־אײַן, יאָר־אויס פלעגן אַ סך קינדער בלייבן מחוץ אַ קאָלאָניע.

אָבער קינדער שוואַכע, אָפּגעצערטע, בלוט־אָרעמע, באַדראָטע פון שווינדזוכט און אַנדערע חולאתן, איז דאָ אין די צ. ב. ק.־שולן אַ סך. מיט די יאָרן פון פּויפּעריזאַציע פון די יידישע פאָלקסמאַסן, קריזיס און אַרבעטסלאָזיקייט וואַקסט זייער צאָל אומגעהייער. די קינדער שטאַמען פון ענגע שטויביקע גאַס, פון יידישן פערטל, ווו זון און פרישע לופט זײַנען זעלטענע געסט.

זייער פּײַנלעך איז דעריבער די לאַגע פון די פעד־ראַטן, ווען עס קומט דער פרילינג און צענדליקער מאַמעס גאָרן, אַז זייערע קינדער זאָלן כאָטש אויף 1 חודש גיין אין קאָלאָניע, כּדי כאָטש אַ ביסל אָפּצופרישן די לונגען און אָנשעפן כּוחות צום נייעם שול־יאָר. און די לערער מיט די שול־דאָקטוירים שטייען פאַרצווייפלטע און ווייסן ניט וועמען פריער צו נעמען, ווײַל אַלע קינדער זײַנען אין אַ גלייכער מאָס באַדראָט אין זייער געזונט און אַלע האָבן זיי גלײַכע רעכט אויף זון, לופט, וואַסער און שפּײַז.

מיטן אָנקום פון פרילינג וואַרפן זיך דעריבער די עלטערן פון דער „צעק” מיט ברען צו דער קאָלאָניע־אַרבעט, אַגב — אָן אַ גראָשן געלט, אַליין דערדריקטע און דערשטיקטע פון קריזיס און אַרבעטסלאָזיקײַט.

מיט יעדן פון די 7 יאָר עקסיסטענץ זײַנען די שוועריקײַטן פון אויפבויען און אויסהאַלטן די קאָלאָניע געוואַקסן. יעדער ווײַטערדיקער יאָר איז אין די פינאַנציעלע הינזיכטן „בעסער” און „לײַכטער” געווען פאַרן פאָריקן, אָבער מיטן וווּקס פון די שוועריקײַטן זײַנען אויך געוואַקסן די עקשנות, אימפּעט, ליבע און איבערגעבנקײַט צו דער [illegible]



די קינדער בײַ מיטאָג אויף דער וועראַנדע אין דער צעק־קאָלאָניע אין ווערעק, 1933

די צעק־קאָלאָניע און די קאָלאָניע־קאָמיסיע. ווילנע, 1932

כ'האָט זיך דערביי אויך געשטאַרקט דער באַוווּסטזיין, אַז „אויב מען קאָן ניט אַריבער, מוז מען אַריבער". און די קאָלאָניע עקסיסטירט און ווערט יעדן יאָר דורכגעטראָגן ווי אַ ליב קינד אויף די צאַרטע הענט פון די עלטערן.

און נאָך איין זאַך מוז דערביי אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז די קאָלאָניע־אַרבעט פון „צעק" האָט לחלוטין ניט דעם בייגעשמאַק פון פילאַנטראָפּיע — ווי דאָס טרעפט אין ענלעכע פאַלן — קיינער טוט דיר ניט קיין טובה און קיינער באַגליקט דיך ניט. די קאָלאָניע־טעטיקייט טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ קאָאָפּעראַטיווער אַליינהילף, ווו אַלע האָבן גלייכע רעכט און גלייכע פליכטן, ווו אַלע עלטערן מוזן אונטערשטעלן אַן אַקסל, כדי בייצוקומען די שוועריקייטן פון אַ בודזשעט, וואָס דערגרייכט די לעצטע יאָרן ביז צו 15 טויזנט גילדן.

מיט דער גאַנצער אַרבעט אין קאָלאָניע פירט אָן (צוזאַמען מיטן פּערסאָנאַל) אַ ספּעציעלע קאָלאָניע־קאָמיסיע, וואָס איז אויסגעקליבן דורכן פּלענום פון די עלטערן־קאָמיטעט. די קאָמיסיע איז די לעצטע פּאָר יאָר באַשטאַנען פון די פאָלגנדיקע חברים: וואַפּנער נחום, ווידמאַן בערל, לעווינסאָן הירש, קראַיק בער, לעוויט יוסף, קאָלדאָבסקי זלמן, ריווקין יצחק.

די קאָלאָניע־אַרבעט ציט זיך איבער 4 חדשים, פון וועלכע די ערשטע 2 גייען אויף די צוגרייט־אַרבעטן. אויף צו שאַפן כאָטש אַן התחלה צום פונאַנדערנעמען די הענט, פאַרשפּרייט מען 5־גראָשנדיקע מאַרקעלעך, מ'אָרדנט איין זאַמל־טעג, מען באַאַרבעט ראַיאָנען מיט זאַמלבויגנס און דער עיקר מע ווערט „באַנקירן" — די באַלמעלאָכעס, אַרבעטער און קליינהענדלער פון „צעק" שרייבן, זשירירן זיך איינע די אַנדערע וועקסלען און דיסקאָנטירן זיי, כדי עס זאָל זיין מיט וואָס צו דינגען די זומערוווינונג. שפּעטער קומען די 2 זומערדיקע חדשים, ווען ס'מוז גיין אַן אינטענסיווע אַרבעט אויף צו באַזאָרגן די קאָלאָניע מיט אַלעם נויטיקן.

דער פּערסאָנאַל פון דער קאָלאָניע באַשטייט פון אַ פּאַרוואַלטער, לערער (פּעדאַגאָגיש־דערציערישע השגחה), עקאָנאָם, קעכין, 2 שוואַרצע אַרבעטערינס, סאַניטאַרין און דאָקטאָר, וואָס באַזוכט די קאָלאָניע אַ פּאָר מאָל דורך דער וואָך.

די קינדער ווערן אין דער קאָלאָניע מיט קיינע טעכנישע אַרבעטן, אחוץ דער השגחה ביים פאַרטיילן דאָס עסן, ניט באַלעסטיקט, צוליב דער קורצער צייט, וואָס זיי פאַרברענגען דאָ.

דער סדר־היום פון קאָלאָניע־טאָג איז לערך פאָלגנדיקער:

7 פרי — קלונג אויף אויפשטיין.

7—7,30—וואַשן זיך אין העלפט, וואַשן די ציין, פאַרבעטן די געלעגערס.

7,30—8,30 — ערשטער פרישטיק.

8,30—10,30 — מעסטן די וואַרעמקייט, רויקע האַנט־אַרבעט, שפּאַציר אין וואַלד.

10,30 — 11 צווייטער פרישטיק.

11—13 — זון־וואַנעס, באָדן זיך, פאַרברענגען אין וואַלד, שמועסן, האַנט־אַרבעט, פאָרלעזונגען, צייכענען, שפּיל אין דאַמקע אָדער שאָך־טורניר אד"גל.

13—14 מיטאָג.

14—16 — אָפּרו — אַלע אָן אויסנאַם רוען אין די בעטן.

16—16,30 — ערשטער אָונט־ברויט.
16,30—19 — פאַרווײַלונגען און שפּילן אויפן קאָלאָניע־פּלאַץ, שמועסן, געזאַנג אָדער לענגערער שפּאַציר.
19—19,30 צווייטער אָונט־ברויט;
19,30—20 — וואַשן זיך, צוגרייטונג צום שלאָף, שלאָפן־גיין.

יעדע וואָך ווערן די קינדער געפירט אין באָד.

בײַם קומען אין קאָלאָניע און שפּעטער, יעדע וואָך, ווערן די קינדער געוואויגן. דורכשניטלעך קומען צו די קינדער פון 1,4 ביז 2 קילאָ פאַרן חודש.

וועגן דער אינעווייניקסטער אַרבעט אין דער קאָלאָניע קאָנען געבן אַ געוויסן באַגריף די פאָלגנדיקע 2 אויסצוגן פון באַזוכער־בוך. איינער — פון אַ באַקאַנטן געזעלשאַפטלעכן טוער; דער צווייטער— פון אַן אַמטלעכער מעדיצינישער קאָמיסיע:

1) „דער עלטערן־קאָמיטעט פון די צ. ב. ק.־שולן פאַרדינט אַן אמתן דאַנק פאַר געבן די קינדער פון אָרעמקייט שפּיל, זון און לופט; די קינדערלעך פון דער קאָלאָניע — מײַן דאַנק פאַרן גליק צו קאָנען אָטעמען עטלעכע שעה אין דער וואַרעמקייט פון זייער קינדערשער פרייד".

ז. אַרטור (וואַרשע).
26 יוני 1933.

2) „דעם 14 יולי 1933 האָבן מיר באַזוכט די קאָלאָניע און פעסטגעשטעלט אַ פּראָגראַמאַטיש און פּלאַנמעסיק געפירטע קאָלאָניע־אַרבעט.

עס איז צו מערקן אויף יעדן טריט אַן אויפריכטיקן ווילן פון פּעדאַגאָגיש־דערציערישן פּערסאָנאַל צו שאַפן בײַ די געגעבענע אומשטענדן מעגלעך־צוגעפאַסטע באַדינגונגען פאַרן אויפהאַלט פון דער יוגנט".

ד"ר ה. רודזינסקי.
שעף פון אָפּטייל פאַר סאָצ. פאַרזאָרגונג און געזונט.

ד"ר מינקאָווסקי.
הויפּט־דאָקטאָר פון דער שטאָט ווילנע.

דאָס זײַן אין קאָלאָניע איז פאַר יעדן קינד אַ גרויסע געשעעניש.

יעדער סעזאָן פון די 2 פּאַרטיעס, וואָס גייען דורך דורכן זומער, ווערט פאַרענדיקט מיט אַ פאַרווײַלונג. פאַרשטעלונג, אילומינאַציע אָדער שייטערהויפן, אויף וועלכע עס קומען זיך צונויף די עלטערן פון די קינדער, שול־טוער און פריינד, צוזאַמען מיט די מיטגלידער פון „צעק", און מע פאַרווײַלט זיך מיט די קינדער.

ווען מען דערמאָנט זיך די ערשטע פּאַרטיעס צעק־קאָלאָניסטן פון פאַר 7 יאָרן, בעת קינדער פלעגן דאַרפן מיטברענגען מיט זיך אייגענע כּלים, אָפּטמאָל צעבראָכענע און אָפּגעשאָסענע מיט אייגענע בעטלעך, ס'רוב הינקענדיקע, פון פאַרשיידענער גרייס, קאָליר און מאַטעריאַל, וואָס פלעגט שטאַרק ווירקן אויפן אויסערלעכן עסטעטישן אויסזען פון דער קאָלאָניע, און מע פאַרגלײַכט זיי מיט די פּאַרטיעס פון די לעצטע פאַר יאָר, ווען דער צעק האָט זיך באַזאָרגט מיט אייגענע בעטן, קיך־ און טיש־געשיר אויף 125 קינדער, זעט מען אַ באַדייטנדיקן פאָרשריט אין דער קאָלאָניע־אַרבעט.

אויף די לעצטע צוזאַמענס פון עלטערן, שול־טוער און צעק־מיטגלידער

איז ערנסט ארומגערעדט געוואָרן די פראגע וועגן דער נייטיקייט צו שאפן אן איינענעם בנין פאר דער צעק־קאָלאָ־ניע .דאָס וואָלט באדייטנדיק פארלייכ־טערט, פארבעסערט און פארשענערט די ארבעט אין דער קאָלאָניע און וואָלט אפשר געגעבן אויך אַ מעגלעכקייט צו פארברייטערן די זייער וויכטיקע קאָלאָ־ניע־ארבעט און באפרידיקן אין אַ גרעסערער מאָס ווי ביז איצט די אַלע קינדער, וואָס נייטיקן זיך אַזוי שטארק אין פארשטארקטער דערנערונג, זון, לופט און וואסער.

אַ גאַנץ קלאָרן בילד („ציפער ריידן פאר זיך'') פון דער קאָלניע־ארבעט פון „צעק'' גיבן די פאָלגנדיקע ציפערן:

א. צאָל קינדער, וואָס האָבן דורכ־געמאַכט 1 חודש קאָלאָניע:

אין יאָר 1927 — 71 קינדער, 1928—63, 1929 — 173, 1930 — 232, 1931 — 234, 1932 — 178 *, 1933—198 * קינדער.

ב. באשעפטיקונג פון די עלטערן פון די קאָלאָניסטן (אין פראָצ'):

ארבעטער און אָנגעשטעלטע — 42 פראָצ', האנטווערקער — 31 פראָצ', קליינהענדלער — 18 פראָצ', אנדערע — 9 פראָצ'. צוזאמען 100 פראָצ'.

ג) בודזשעט פון דער קאָלאָניע פאר די יאָרן 1930—1933 (אין גילדנס):

יאָר	הכנסה	הוצאה	דעפיציט
1930	13.346	14.950	1607
1931	13.326	14.365	1039
1932	8.097	8.948	850
1933	8.523	8.863	339 *

ד) פונוואנען שטאַמען די הכנסות פון דער „צעק''־קאָלאָניע?

יאָר	אָפּצאָל פון די קינדער	געשאַפן דורך די מיטגלידער פון „צעק" אין גילדנס	געשאַפן דורך די מיטגלידער פון „צעק" אין % פון אלג. הכנסה	סובסידיע פון דער קהילה	סובסידיע פון וואָיעוואָד־שאַפט	צ. ש. אָ, דזשוינט, צ. ב. ק, לאַנדסלייט פון אַמעריקע אַפריקע
1930	9111	3485	26,1	750	—	—
1931	6430	4504	33,8	250	500	642
193	5080	1659	20,5	150	320	888
1933	5038	1349	15,8	—	872	1264

ווי מיר זעען פון דער לעצטער טאַ־בעלע איז כמעט אַ פערטל פון דער אַל־געמיינער הכנסה געשאַפן געוואָרן די־רעקט דורך די מיטגלידער פון צענטראַלן

* דאָס פאַלן פון דער צאָל קינדער — אַ רעזולטאַט פון מאַנגל אין מיטלען.

** דער פאַקטישער דעפיציט פונם לעצטן קאָלאָניע־יאָר איז באמת אַ סך גרעסער און באטרעפט 1489 גילדן. דאָס דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס דער דעפיציט פון פאָריקן יאָר ווערט טיילווייז געדעקט מיט די הכנסות פונם קומענדיקן קאָלאָניע־סעזאָן

עלטערן־קאָמיטעט דורך אַ פאַרקויף פון קאָלאָניע־מאַרקעלעך, זאַמלבויגס, אונטערנעמונגען אדג״ל.

ווען מע נעמט אָבער דערבײַ אויך אין באַטראַכט דעם ס אָ צ י אַ ל ן באַשטאַנד פון די מיטגלידער פון „צעק״ און די סביבה, אין וועלכער זיי פאַרקערן און שעפּן די הכנסות לטובת דער קאָלאָניע, דאַרף עס באמת באַטראַכט ווערן פאַר אַ גוואַלדיקן אויפטו. דאָס איז גלײַכצײַטיק אויך אַ באַווײַז פון ענערגיע, באַוווסטזיניקייט, אונטערנעמערישקייט און דיסציפּלינירטקייט, וואָס הערשט אין די רייען פון צעק. ער פאַרדינט דעריבער דעם האַרציקסטן יישר־כּוח פאַר דער 7יאָריקער אָפּגעטאָנענער אַרבעט לטובת אונדזערע שוואַכע שולקינדער און די וואַרעמסטע אונטערשטיצונג אין זײַנע ווײַטערדיקע פּלענער, בפרט אינם אויפבוי פון אַן אייגענעם קאָלאָניע־בנין.

א. בולקין.

די צ. ע. ק.־קאָלאָניע אין נײַ־ווילייקע, 1930

געזעלשאַפט „פריינד פון דער יידישער רעאַל-גימנאַזיע".

די געזעלשאַפט „פריינד פון דער יידישער רעאַל-גימנאַזיע" איז געגרינ-דעט געוואָרן סוף 1931, די ערשטע צייטן האָט די געזעלשאַפט אַרויסגע-וויזן זייער אַ לעבעדיקע טעטיקייט. די אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע אַפּאַטיע האָט זיך אָפּגערופן אויך אויף דער אַרבעט פון דער נייַגעשאַפענער געזעל-שאַפט. זי האָט אָבער פאַרט באַוויזן אין אַ באַשטימטער, הגם ניט גענוגנדיקער, מאָס צו פאַרווירקלעכן די געשטעלטע צילן.

די געזעלשאַפט האָט צוגעצויגן אַ מיטגלידערשאַפט פון קרוב 200 מענטשן, וואָס צאָלן רעגולער דעם מיטגלידס-אָפּצאָל.

בייַ דער גימנאַזיע האָט זיך אויסגע-בילדעט אַ קרייַז — אמת אַ קליינער — אַקטיווע פרייַנד, וואָס אַרבעט פאַר דער שול.

עס האָט זיך אויך אייַנגעגעבן צוציע. צו דער אַרבעט אַרום דער גימנאַזיע אַ שפאָר ביסל אַבסאָלווענטן.

אָנהייב 1932 איז אַדאַנק לערער י. גערשטיינס איניציאַטיווע און אונ-טער זייַן אָנפירונג געשאַפן געוואָרן אַ כאָר מיט קרוב 70 אָנטיילנעמער, וואָס אַרבעט זייער אינטענסיוו און האָט שוין געהאַט 2 עפנטלעכע אַרויסטריטן.

די געזעלשאַפט „פריינד" האָט דורכ-געפירט פאַר דער צייַט אַ סך אונטער-נעמונגען פון פאַרשיידענע מינים: לעק-ציעס, קאָנצערטן, ליטעראַרישע אָוונטן, פאַרווייַלונגען א"א.

פאַרוואַלטונג פון דער „געזעלשאַפט פריינד":

ד. קאַפלאַן-קאַפלאַנסקי,
ג. פלודערמאַכער,
אדוו. י. פרידמאַן
ל. ראָזענשיין,
מ. דערטשין,
כ. סאַראַבסקי,
מ. זשאַבינסקי,
וואָלאָשין.

אַביטוריענטן-סעקציע:

מ. גאָלאָמב,
מ. בערנשטיין,
ד. שרירא,
פ. בערנשטיין,
ח. ווידיצקי,
מ. לעוויס.

די מיטגלידער פון צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט (צ. ב. ק.) אין ווילנע.

ד״ר צ. שאַבאַד (פאָרזיצער)
ד״ר ה. קאָוואַרסקי (ערן־פאָרזיצ.)
י. אַראָנאָוויטש,
א. גאָלאָמב,
ב. האַלפּערין,
נ. וואַפנער,
ב. ווידמאַן,
מ. זשאַבינסקי,
אדוו. י. טשערניכאָוו,
אדוו. י. טייטעל,
מגר. ל. טורבאָוויטש,
מ. יעווזעראָוו,
ב. כהן־ווירגילי,
ח. פּופּקאָ,
ד. קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי,
ז. קאָלדאָבסקי,
אַנע ראָזענטאַל,
ז. רייזען,
ד״ר י. רוטשניק,
ה. שניידער.
מ. שור.

פּרעזידיום פון צ. ב. ק.

ב. האַלפּערין,
מ. יעווזעראָוו,
ב. כהן־ווירגילי,
ח. פּופּקאָ,
ד״ר ה. קאָוואַרסקי,
ד. קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי,
א. ראָזענטאַל,
ד״ר צ. שאַבאַד.

רעווידיר - קאָמיסיע פון צ. ב. ק.

י. מילנער,
מ. שניידעראָוויש.
ש. יפה,

פינאַנץ - קאָמיסיע פון צ. ב. ק.

מ. זשאַבינסקי,
מ. יעווזעראָוו,
נ. וויגושין,
ה. שניידער,
ה. מאַדייסקער,
י. פרידמאַן,
א. מעבאַניק,
ב. האַלפּערין,
ד״ר מ. סעגאַל,
י. דאָנסקאָי,
א. ברוידאָ,
י. קאָמיסאַראָוו,
א. ברודנאָ,
א. מאַגאַט,
מ. ווילדשטיין,
מ. זאַנדבערג,
א. סטאַרבעקער,
מ. סטופעל,
א. אָגוז,

קרייז אַקטיווע טוערינס ביים צ. ב. ק.

פרוי באַסטאַצקי,
„ ב. געזונטהייט,
„ וויגושין,
„ זילבערשטיין,
„ ש. טייטעל,
„ כאַנאָוויטש,
פרל׳ ג. לעווינסאָן,
„ לייבאָוויטש,
. שניפּעסקי
פרוי סטאָליצקי,
„ פאַנעס.
„ צאַנד״ר פרידמאַן,
„ קאַלמאַנאָוויטש,
„ קאַלדאָבסקי,
„ ד. קאַמינסקי,
פרל׳ א. בולקין,
„ ח. טאַפּער,
פרוי מייטעס-שניידער,
פרל׳ ה. קאַפּלאַן,
פרוי מ. רייזען.
ש. גורוויטש

צענטראַלער עלטערן-קאָמיטעט („צעק״) פון די צ. ב. ק.-שולן איז ווילנע.

ב. ווידמאַן,
נ. וואַפּנער,
ז. קאָלדאָבסקי,
ר. יעווזעראָוו,
ה. שאַפּען,
א. בעזדאַנסקי,
י. שוועדסקי.
מ. באָווער
י. לעוויט,
ס. קאָטאָן,
ב. קוריצקי,
י. ריווקין,
ה. לעווינסאָן
ב. קראַיק,
א. סעגאַל,
מ. ווייסבאָרד,
מ. נאָוויקאָוו,
א. זשיסלין,
ח. ראַמבאַק,
ה. שניידעראָוויטש,

רעווידיר-קאָמיסיע פון „צעק״.

ר. גלעזער,
מ. דערטשין,
א. קרוגליס,

ביוראָ פון צ. ב. ק.

מ. יאַפּע — פאַרוואַלטער מיט די ענינים,
ל. עליזעראָוויטש — געשעפטספירער.

פעדאַגאָגישע ראַטן פון די צ. ב. ק.־שולן אין ווילנע.

יידישע רעאַל־גימנאַזיע

מגר. ל. טורבאָוויטש (דירעקטאָר)
ד״ר י. ביבער,
מגר. מ. בליזניאַנסקי,
ד״ר ל. גאָרדאָן,
מגר. ר. גורעוויטש,
י. גערשטיין,
ח. וואַגער,
ג. זיידען,
מ. חיימסאָן־באַסטאָמסקי,
ד. לובאָצקי,
מ. טשוזשאָי,
א. מאַרק,
ד״ר ר. נאָטיק,
מ. סאָלאָוויי,
י. קאָסאַר,
מגר. ח. סטאָליצקי,
ל. שייניוק,
מגר. צ. שאַפּיראָ,
י. שער,
ש. פּומפּיאַן (סעקרעטאַר),
י. אַנילאָוויטש (ביבליאָטעקאַר)

פאָלקסשול ביי דער גימנאַזיע

מגר. ל. טורבאָוויטש (פאַרוואַלטער)
מ. באָקשטיין,
מ. בערנשטיין,
נ. לאָזאָווסקי,
א. קאַפּלאַנאָוויטש,
מגר. ר. רויטנשטיין,
ח. קלויזנער־לובאָצקי,
מ. יאָפּע,

פ״ש „ש. פרוג״

ח. פופּקאָ (פאַרוואַלטער),
א. נאָטיק,
ר. ברוידאָ,
צ. פרעס,
ש. גורוויטש,
ה. קראַוועץ,
ל. מאַגון,
ל. ניעדזועלסקי,
ר. לערמאַן,
ב. פופּקאָ,
א. סליעפּ,
א. י. גאָלדשמידט,
י. קאַץ,
פ. רובינזאָן־קאַטשערגינסקי,
מ. קאַטשערגינסקי,
י. רודניצקי,
מ. לעווי,
ז. פלודערמאַכער,
מ. שור.

פ״ש „ד. קופערשטיין״

ג. פלודערמאַכער (פאַרוואַלטער)
ח. אַראָנאָווסקי־זעליקמאַן,
י. אָס,
ש. האַלפּערן־ליפשיץ,
א. י. גאָלדשמידט,
ח. וואַגער,
צ. לאַם־בורשטין,
ר. לייבישסקי־האַלפּערין,
ש. סאַפיר,

א. סליעפ,
ר. עליאקימאָוויטש (געשעפטספ.)
ר. פראָפיטקער,
נ. צוקערמאַן,
ח. קאפלון,
ח. קאָפעליאָוויטש-לובאָצקי.

פ״ש „מפיצי השכלה״

ב. לובאָצקי (פאַרוואַלטער)
ש. אייזענבערג,
ש. באַסטמאָסקי,
א. בולקין,
ב. בורשטיין,
ש. גאָלאָמב,
א. סליעפ,
א. סעגאַלאָוויטש-פיינזילבער,
מ. קאַהאַנאָוויטש,
י. שער,
מ. קאַטשערגינסקי,
מ. קאַפּלאַן (געשעפטספירער),
פ. ראָמער.

פ״ש „ל. גורוויטש״

י. מהרשק (פאַרוואַלטער),
ס. זאַבלודאָווסקי-לייקין,
מ. לעווין,
ר. נאָכעמען,
ר. נאַראָדאָווסקי,
מ. פּאָפּאָרץ,
א. סליעפ,
ל. קאַנישטשיקער,
י. קאַץ,
י. רודניצקי,
מ. שולץ,
י. שער,
ג. איצקאָוויטש (געשעפטספ.),

פ״ש „שלום - עליכם״

י. גראָסמאַן (פאַרוואַלטער),
מ. ליטוואַק,
ר. סווענציאַנער-צוקערמאַן,
ח. כהן-שור,
מ. קאַראַס-גראָסמאַן,
ח. דייטשער,
מ. הײַלפּערין,
ר. שמערקאָוויטש (געשעפטספ.)
ר. נאָכעמען,
פ. אָלקעניצקי-לערער.

פ״ש „י. דינעזאָן״

י. סעניצקי (פאַרוואַלטער),
ש. יאַמבראָ,
י. לייקין,
מ. לעווין,
מ. לעווינסקי,
פ. ציכאָק-מאָשקאָווסקי,
פ. קאַנישטשיקער.
פ. שניידער.

ספּעציעלע שול

(פאַר אָפּגעשטאַנענע קינדער)
ד״ר וו. לעווין,
ט. קאַץ,
ר. גראָסמאַן,

קינדער - ביבליאָטעק

ב. זאַקהיים,
מ. פּאָפּאָרץ,
ש. קולקעס.

שול-דאָקטוירים.

ד״ר בערגער-רימיני,
ד״ר י. גענזעל,
ד״ר שאַדאָווסקי.

שול - היגיעניסטינס

פרל׳ אסתר בולקין,
פרל׳ יאָפּע,
פרל׳ סאָקאָלאָוויטש,

די, וואָס זײַנען אַוועק פון אונדז.

מיט גרויס יראת־הכבוד דערמאָנט דער צ. ב. ק. אין פֿײַערלעכן מאָמענט פון זיין 15-יאָריקן יובל די אַלע פרײַנד, מיטאַרבעטער און מיטבויער פון דער מאָדערנער יידישער שול אין ווילנע, וואָס זײַנען די לעצטע יאָרן דורך דעם גרויזאַמען טויט אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונדזערע רייען אין רעכטן ברען פון דער אַרבעט, אין עכטן בלי פון די יאָרן...

ראָזין הירש — לערער פון „ל. גורוויטש"־שול

אַבראַמאָוויטש — לערער פון דער יידישער רעאַל־גימנאַזיע.

אײַזנשטאַט הירש — מיטגליד פון שול־קאָמיטעט ביי דער קופּער־שטיין־שול.

בעזדאַנסקי כיענע — מיטגליד פון עלטערן־קאָמיטעט ביי דער יינגל־שול „מפיצי השכּלה".

גורלאַנד דוד — לערער פון דער קופּערשטיין און פּרוג־שול, קיימער פון „בין".

מאַרקוסאָן פאַניע — לערערין פון דער רעאַל־גימנאַזיע.

נאָוויק מאָטל — מיטגליד פון עלטערן־קאָמיטעט ביי דער יינגל־שול „מפיצי השכּלה".

קאַלמאַנאָוויטש אברהם — מיטגליד פון עלטערן־קאָמיטעט בײַ דער יינגל־שול „מפיצי השכּלה".

זאָל זייער ליכטיקער אָנדענק אונדז אַלעמען שטאַרקן אין אונדזער ווײַטער־דיקער אַרבעט!

צ. ב. ק. (ווילנע)

אינהאַלט:

זייט

וולאַדימיר מעדעם און שלום אַש וועגן דער נייער יידישער ווילנע . . 3

ד"ר צ. שאַבאַד:

די יידישע שול אין געפאַר 4

ד"ר ה. קאָוואַרסקי:

דאָס יידישע קינד און די יידישע שול 7

אננע ראָזענטאַל:

די יידיש־וועלטלעכע שול — די שול פון די אַרבעטנדיקע מאַסן . . . 9

ב. מיכאַלעוויטש און א. ליטוואַק וועגן דער יידישער שול 12

אדוו. יוסף טשערניכאָוו:

אונדזער וויכטיקסטע דערגרייכונג 13

ז. רייזען:

דער קאַמף פאַר דער יידישער שול איז דער קאַמף פאַר אונדזערע רעכט . 14

חיים פּופּקאָ:

מיט לייב און לעבן פאַר דער שול 16

ד"ר י. ביבער:

אונדזער זיג איז זיכער, ווייל אונדזער זאַך איז אַ גערעכטע . . . 20

ג. פלודערמאַכער:

דער ווילנער לייכט־טורעם האָט ווידער געשיינט! 21

ש. באַסטאָמסקי:

אַ גרוס פון ווילנע 26

ווילנער לאַנדסלייט וועגן ווילנע (אַב. קאַהאַן, צביון, נ. כאַנין. י. ישורין). 31

מ. יאָפע:

דער צ. ב. ק. און דער יידיש־וועלטלעכער שולוועזן אין ווילנע . . . 32

ל. טורבאָוויטש — יידישע רעאַל־גימנאַזיע פון צ. ב. ק. אין ווילנע. 40

ח. פּופּקאָ — 8־קלאַסיקע פאָלקסשול א. נ. פון „ש. פרוג" . . . 43

ג. פלודערמאַכער — 8־קל. פאָלקסשול א. נ. פון ד. קופערשטיין. 46

ש. באַסטאָמסקי — ייִנגלשול „מפיצי השכלה" 50

י. מהרשק — 7־קל. פאָלקסשול א. נ. פון „לייזער גורוויטש" . . . 54

י. גראָסמאַן — פאָלקסשול א. נ. פון „שלום־עליכם" 56

י. סעניצקי — פאָלקסשול א. נ. פון „י. דינעזאָן" 58

ד"ר ווימע לעווין — ספּעציעלע שול 62

קינדער־ביבליאָטעק ביים צ. ב. ק. 65

א. בולקין:

קאָלאָניע פאַר שוואַכע קינדער פון צענטראַלן עלטערן־קאָמיטעט . . 68

געזעלשאַפט „פריינד פון דער יידישער רעאַל־גימנאַזיע" 75

רשימות פון צ. ב. ק., „צעק", פעד. ראַטן פון די צ.ב.ק.־שולן . . . 75

די, וואָס זיינען אַוועק פון אונדז 79